STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04800

MIT DER LIDER-TORBE

M. M. Shaffir

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Bernard & Barbara Feldstein
in memory of
Gertrude (Bubbie) & Nathan (Zaydie) Schneiderman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. מ. שאַפּיר

מיט דער לידער-טאָרבע

מאָנטרעאַל, קאַנאַדע
1973

M. M. SHAFFIR

MIT DER LEEDER - TORBE

(WITH MY SONGBAG)

POETRY

אַ דאַנקוואָרט

אַ האַרציקן דאַנק מײַן טײַערן פרײַנד, דעם מדרש־פּאַרשער שמשון דונסקי, וואָס ער האָט מיר געהאָלפן לייענען די קאָרעקטור־בויגנס פון דער איצטיקער זאַמלונג לידער — (און דאָס איז שוין דאָס זעקסטע מאָל, וואָס ער העלפט מיר ארויס).

און אַ דאַנק, אַ האַרציקן, דעם איידלען מאָלער און ליבן מענטש, לואי מיהלשטאָק — פאַר דער צייכענונג צום איצטיקן ביכל, ווי אויך פאַר די צייכענונגען צו מיינע ביכלעך „בורא מיני חלד־מות״ און „אויף מײַן פידעלע ליד״.

מ.־מ. שאַפיר

גלאָסאַר — ביים סוף

•

איך האָב ליב

איך האָב ליב

איך האָב ליב צו גריבלען מיך אין אַלטע ספרים.
כ׳פיל אין זיי דעם טעם פון אַלטן וויין.
ווערסט פאַרשיכורט פון די אַלטע וואָרן
אַז דו טראַכסט דיך אין זיי טיף אַריין.

איך האָב ליב צו גיין אויף לאַנג פאַרלאָזטע שטעגן,
וואָס סע ציט אַהין כמעט שוין קיינעם ניט.
אַלע ליבע קומען דאָרטן מיר אַקעגן
אין די לאַנג פאַרמעקטע טריט.

איך האָב ליב ניגונים לאַנגסטיקע און לידער אַלטע,
וואָס מער עלטער — בעסער איז.
שטילע זיפצן ליגן אין די קנייטשן־שפּאַלטן,
און זיי גיבן נאָך ביז היינט ביים האַרץ אַ ריס.

כ׳בין פאַרליבט אין אַלטע מעשה־ביכלעך,
וואָס דער פּאַקן־טרעגער פלעגט צעטראָגן פרום
אין די הוילע הענט, צי אין אַ פּשוט טיכל,
און זיי געבן אויף פּראָקאָט, ביז אין אַ צייט אַרום.

און איך קאָך מיך אין חסידישע סיפּורי־מעשות,
אינעם מדרש־לשון זייערן, ווי וואַסער שטילס,
און ווי תחינה־שפּראַך — די טיכלעך ווייסע,
וואָס דער מאַמעס שווער געמיט האָט זיך דערין געהילט.

אַחרון אַחרון זענען תפילות מיר צום האַרצן,
תפילות, וואָס זיי שעפּטשען: אלוהי, נצור —
כ׳בעט דיך, אַז מיין ליפּ זאָל מיר דאָס פּנים נישט פאַרשוואַרצן
און צו מיינע רעה־טראַכטערס זאָג: גענוג געדויערט!

צוויי געשטאַלטן:

1. דער טאַטע ז״ל

דער טאַטע ז״ל איז פון דער וועלט אַוועק, אין רוים, איטאַליע,
אַ זאַטער מיט יסורים, אָבער נישט אין טיפער עלטער.
דאָס לעבן אין טראַנסניסטריע האָט אים פאַרקירצט די יאָרן.
אויף האַלב אַן איינגעבראָכענער איז ער אַרויס פון דאָרטן,
נאָר נישט אַפילו זיך געטאָן אַ וואַקל אין ביטחון.
— דער אייבערשטער — האָט ער געזאָגט — ווייסט בעסער וואָס ער
טוט אונדז.
מהרהר זיין נאָך זיינע דרכים טאָר מען נישט, חלילה.

איז אַז די פינף צעזייטע קינדער אין די נייע לענדער
באַטראַכטן זיך: מע דאַרף דעם אַלטיטשקן אַריבערברענגען,
כל־זמן די כוחות סטייען אים, בפרט סע ווייסט נישט קיינער
וואָס „דאָרטן" קען נאָך זיין, חלילה, נאָך אַזאַ מהומה —
קיין שטעטל איז נישטאָ שוין, אָבער קברים מער פון יידן,
און שינאה איז נאָך דאָ געוונג, די אייגענע וואָס פריער —
נו, לאָזט ער זיך אויף גאָטס באַראָט אין וועג אַרייך, אַ קראַנקער,
און קומט קיין רוים און פאַלט דאָרט איין און קען נישט ווייטער פאָרן.
איז אַז צום טאַטנס טויטנבעט קומט אָן דער זון צו פאָרן,
דער עלטסטער זון, און מ'האָט זיך נישט געזען דריי צענדליק יאָרן,
אי דאָס אַזעלכע יאָרן, מיט אַזעלכע בלוט־גזירות —
איז דאָ פון וואָס צו רעדן און צו שווייגן, ווי געוויינטלעך...
נו, זיצט מען און מע רעדט און מע דערמאָנט די אָפּגעשיידטע —
די מאַמע איז נישטאָ, די מחותנים, די געזינדן —
און אגב גיט דער טאַטע זיך אַ זאָג: — מע רעדט פון יענע,
וואָס זענען שוין נישטאָ און זענען זייערס אָפּגעקומען —
וואָלט נישט געשאַט צו רעדן אויכעט וועגן זיך — איך מיין דאָ —
וואָס טוט מען, טאָמער אפשר — עט! אל תפתח פה לשטן —
נאָר כ'קען דען וויסן, ווי דער אייבערשטער וועט מיט מיר פירן?
אַוודאי האָף איך: ווי ער האָט מיך אָפּגעהיט ביז איצטער,
וועט ער מיך ווייטער היטן, ר'איז נאָך אַלץ אַ גוטער פאָטער.
נאָר ווי סע זאָל נישט זיין, וואָלט איך נישט וועלן בלייבן ליגן
אָט דאָ, אין יענער וויסטער ערד, וואו טיטוס ליגט באַגראָבן,
דער רשע, וואָס ער האָט געמאַכט צו אַש דעם בית־המקדש,
און אונדז פאַריאָגט אין גלות־אדום, וואָס געדירט ביז איצטער.

מע רעדט נישט פון דערפון (איז ער מבטל זיינע ווערטער),
נאָר טאָמער פּאַרט, איז מילא — נאָר איך שאַף מיך נישט חלילה.
פאַר דעם וואָס ס'איז, באַדאַרף איך דען דעם איבערשטן נישט דאַנקען ?
אַזוי פיל זענען אויסגעגאַנגען אין די יאָגענישן,
אויף פעלדער, אונטער וועגנס, און אַפילו נישט געקומען
צו קבורה — זאָל איך איצטער בעטן גאָר ביי דיר תענוגים ?...״

און אַקוראַט אַ טאָג דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען —
און איז נישט דרייסט געווען אַרויסצוברענגען די בקשה :
ווי יעקב און ווי יוסף בעט איך אייך, איר זאָלט מיך ברענגען
אַהין, אין לאַנד, אין הייליקן, ווייל דאָרטן וויל איך ליגן
און וואַרטן ביז דער אייבערשטער מיט זיינע גרויסע חסדים
וועט אונדז באַווייליקן — שוין צייט! — און אונדז דעם גואל שיקן...

* * *

אין אונדזער ענגער שטוב, געדענק איך, זינט די קינדער־יאָרן,
פלעג פלאַטערן דאָס חיבת־ציון־ליד, דאָס שטיל פאַרבענקטע,
מיט אַלע זיינע חנען און מיט אַלע זיינע זיפצן —
דאָס יידישע, און אויך אַזוי דאָס לשון־קודשדיקע,
אַפילו אויך די דעמאָלטיקע דייטשע ציאָנסלידער,
און מיינסטנס מיט די נעמען פון די ״טאַטעס״, די מחברים :
אליקום צונזער, לובאַשיצקי, ראָזנפעלד און מאַנע...

אַז ס'איז געקומען ניינצן זיבעצן ״די דעקלאַראַציע,״
איז אונדזער שטוב דערצו פון לאַנג שוין צוגעוואוינט געווען —
ס'האָט אַנדערש נישט געקענט געזיין — דערצו געמוזט ס'האָט קומען...
דערנאָך, מסתמא תיכף נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה,
האָט מען צעהאָנגען אין די שטיבער נאַציאָנאַל־פאָנד־פושקעס —
און גרויס און קליין האָט אָנגעהויבן קלויבן דאָרטן קליינגעלט,
דאָס לאַנד, דאָס הייליקע, דאָס וויסט פאַרלאָזטע אויסצולייזן —
און מ'האָט די פושקעס אויסגעליידיקט יעדע צוויי חדשים —
ס'איז נישט געווען קיין יידיש הויז אָן יענער בלאָער פושקע —
און מ'האָט ״פאַרעפנטלעכט״ די רעזולטאַטן פון דער זאַמלונג
אין דער ״אָסטיידישער״ אין טשערנאָוויץ, אַז מע זאָל וויסן
און פרייען זיך און וועלן איינס דאָס צווייטע איבערשטייגן. —
האָט זיך אַרויסגעוויזן תמיד איינס : דעם שוחטס קינדער
זיי קלויבן מער פון אַלעמען, אי פרוטות, אי פאַפירגעלט.
דער טאַטע פלעגט עס זען, און ער האָט שטיל געהאָט הנאה.

דערנאָך האָט מען גענומען „פייערן״ אין אַלע שטעטלעך,
אַפילו אויך אין אונדזער פּיצל שטעטל, הערצלס יאָרצייט.
די „פייערונג״ איז פירגעקומען אין דער שיל, דער גרויסער —
און קומען פלעג פון דער „צענטראַלע״ אַ באַרימטער רעדנער,
אַ דאָקטאָר ווייסלבערגער, צי אַ דאָקטאָר מאַנפרעד רייפער,
צי גאָר בכבודו ובעצמו דאָקטאָר מאַיער עבנער —
אַ קלייניקייט! געווען אין באַזעל — אַכצן זיבן און ניינציק,
ביים ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס — האָט דיסקוטירט דאָרט
מיט הערצלען און מיט נאָרדאָון — און ער פלעג זיך מיט זיי דוצן!..

איז מען געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ, ווייל קינד און קייט פלעגט קומען
דעם רעדנער הערן און דעם כאָר פון שטעטלדיקן יונגוואַרג,
וואָס מ׳האָט אים נישט געזען, און נאָר געהערט, ווייל ר׳איז געשטאַנען
פון אויבן, אין דער ווייבערישער שיל, צוליב דער ענגשאַפט —
איז מען געשטאַנען און געלעקט די פינגער פון די „רעדעס״ —
(אויף „דויטש״ געוויינטלעך ׳ דעמאָלט איז אַזוי געווען די מאָדע),
ווער שמועסט נאָך, אַז אַ רעדנער האָט געברענגט פון פּאַלעסטינאַ
אַ לעבעדיקן גרוס — אָט קומט ער איצט אַליין פון דאָרטן —
און ער האָט אויסגעמאָלן אויף דער האַנט דאָס לאַנד, דאָס גאַנצע,
וואָס איצטער גיט מען עס אונדז אָפּ, נאָך באַלד צוויי טויזנט יאָרן — —

אַן אויסגעקוקטע רגע ביי די הערצל־„פייערונגען״
געווען איז ווען דער טאַטע פלעג אַרויף אויף דעם באַלעמער
דעם „מלא״ מאַכן — ס׳איז געוואָרן שטיל ווי אין אַן אויער,
און ביי את נשמת פלעגט צו מאָל אַ ברי טון אין די אויגן...
מיט פונקט אַזאַ הרגשה פלעגט ער „זאָגן״ ותערב,
און דאָ, ביי אָנא רחום און ביי השב שכינתך,
האָט שוין זיין בענקעדיקער נוסח נישט געוואוסט קיין ברעגן:
דער פשוטסטער המון אַפילו, וואָס פאַרשטייט נישט גאָרנישט
דעם פירוש פון די ווערטער, כאָטש פאַרמאָגט אַ האַרץ, אַ יידישס —
פלעג שטיין מיט מיילער אָפענע און פינטלען מיט די וויעס...

* * *

און איצטער רוט דער טאַטע צווישן יידישע סאָלדאַטן,
נאָך יונגינקע, געפאַלענע אין ניינצן אַכט און פערציק.
און אַז זיי בעטן אים, און ער נעמט „זאָגן״ ותערב —
~~צון דאָ, ביי אָנא רחום און ביי השב שכינתך,~~
גייט-דורך אַ שטילער דראָש דורך זייערע פאַרשטאַרטע גלידער...

2. ר׳ אברהם כ״ץ

אויף אַלע ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען אין שטעטל
איז דער ציוני נלהב ר׳ אברהם כ״ץ — דער ערשטער.

ער איז צו אונדז געקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה,
געקומען איז ער גלייך פון ווין, אַ זידיטשויווער חסיד,
מיט זידיטשויווער בּרעז, נאָר שוין גערעדט אַ ווינער יידיש.
אַ פרומער ייד, אַן ערלעכער, און מ׳האָט אים ליב — פאַר ליבשאַפט...
ער אַרבעט אין אַ לעדערקראָם, און איז פאַריאָגט, פאַרהאָוועט,
און האָט צו טון מיט פויערים, מיט שוסטערס און מיט רימערס —
נאָר תמיד אַלץ בּנעימות און מיט איידלקייט, מיט שיינער.
קיין פאות נישט און שוין אַ ביסל צוגעפוצט דאָס בערדל,
און איז געקליידט היינטוועלטיש, נאָר די פרומע יידן אָרט נישט.
געווען אַ שאַרפער לערנער — און געלערנט אויכעט זוהר...
(געווען דער איינער זוהר־לערנער אינעם גאַנצן שטעטל,)
און פונעם זוהר פלעגן ציען דינינקע ניצוצין,
פאַרבּענקטע, גלייך אין האַרץ צום אים און צו זיין ציאָניזמוס...
שבתים פלעגט ער דאַווענען פאַר זיך אַליין „פון פאַרנט״
אין ווינטערשילכל, בּלייבן דאָרט זיך דבקען איבער זוהר,
דעם טלית גאַנץ פאַרוואָרפן איבער זיך, ווי אין אַ רעגן —
כדי זיך מער מתיחד זיין מיט זוהר־ליכט, מיט ריינעם —
און אַז מ׳האָט שוין אין שיל געהאַלטן ביי די הללויהס,
איז ער אַריינגעפלויגן אויף די פליגל פונעם טלית,
אַן איינגעבויגענער, און צוגעפלויגן צו זיין שטענדער.
זיין דאַווענען געווען איז מיט אַ בּרען, נאָר אָן העוויות —
מ׳האָט נאָר געזען: סע בּרענט אין אים אַן אינווייניקסט פייער.

געקומען איז ער גלייך פון ווין, און מיטגעבּרענגט זכרונות:
געאָטעמט דאָרטן יינגלווייז די לופט — מיט דאָקטאָר הערצל.
ער פלעג אונדז ווייזן: דאָקטאָר הערצל פלעג אַזוי פאַרוואָרפן
די הענט אויף זיין געקליבּענער חברותא ווינער יינגלעך,
און זיך מיט זיי באַגייסטערן: דאָס איזט דאָך מיינע יוגענד!...
— „איך פיל די וואַרעמקייט פון זיינע הענט אויף מיינע אַקסלען
נאָך איצט, און זיינע אויגן — אָך! ווי קען מען זיי פאַרגעסן?״
אַ מאָל, בּין־מנחה־למעריב זיצט מען און מע הערט אים,

ווי ער צעלייגט אויף טעלערלעך די נסים־ונפלאות
פון ווין און פונעם „פראַטער״, היינט די מיליטער־פּאַראַדן!
פראַנץ־יאָזעפן געזען פון ווייטנס, אַט דעם מלך־חסד.

פון אַ הלצה אָבער לעקט מען ממש זיך די פינגער:
— „ס׳איז אמת, מאַכן מאַכט עס ושמחת בחגך,
און אַלע ווייסן וואויל די טייטש. סע מאַכט אויך אָבער אַנדערש:
וואָס מאַכסטו בחגך? יאָ, וואָס טוסטו אין דיין יום־טוב?...

און איין מאָל האָט ער אגבדיק דערמאָנט דעם נאָמען געטהע —
די מעשה, פּאָוסט געוואָלט דערציילן, נאָר געהאַט חרטה...
„איז ווער איז אָט דער געטהע?״ — „אָ, דער גרעסטער דייטשער
דיכטער,

מיט ווייס איך וויפל יאָר צוריק — איז אַז ער איז געשטאָרבן,
און ס׳האָט דער מהר״ץ חיות זיך דערוואוסט פון דער ידיעה,
האָט ער זיך שטאַרק מצער געווען: אַוועק אַן אָדם גדול.
ער האָט אַ שווייגנדיקער אומגעשפּאַנט אין זיין בית־מדרש,
ווער ווייסט ווי לאַנג, און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט צו קיינעם.
איז צוגעגאַן אַ ייד און אים געפרעגט: זייט מוחל, רבי —
וואָס איז אַזוינס געשען, וואָס איר זענט זיך אַזוי מצער?
האָט ער אַ זאָג געטאָן פאַר זיך, אַז געטהע איז געשטאָרבן.
האָט באַלד די שטאָט געוואוסט: אוי־וואַ! ר׳ גייטע איז געשטאָרבן...

ער שווימט אַרום אויף די „פאַרזאַמלונגען״ — אַ פיש אין וואַסער.
אם אין אני לי — ווער זשע וועט דאָס אַלץ אָרגאַניזירן?
דערצו נאָך האָט זיין זשוואַוועקייט אויף אַלע אַ השפּעה:
אַז ר׳ אברהם כ״ץ הייסט קומען, דאַרף מען דען נאָך פרעגן?

נאָר קומט א תענית — גייט ער אום פאַרצאָגט אָט ווי אַן אָבל,
און קומט אַ תישעה־באב — איז ממש אים נישט צו דערקענען:
ער זיצט אַ פינצטערער, ווי ס׳וואָלט אַ דונער אים געטראָפן.
ביי איכה גיסט ער באַכן טרערן און ער ווישט די אויגן,
און וואָרקעט ווי אַ שטילע טויב די בלוטנדיקע פסוקים,
וואָס יאָמערן און קלאָגן און וואָס שרייען צו די הימלען.

און פאַר דער שליסונג פון אַזאַ פאַרזאַמלונג פלעג ער בעטן
אַ וואָרט — און מ׳איז געבליבן הערן וואָס ער האָט צו זאָגן —
און זאָגן האָט ער נאָר געזאָגט דאָס אייגענע וואָס תמיד —
דאָס קול איז ווייך און וואָרעמלעך און פייכטלעך מיט עמאָציע,
און דורך דער נאָז אַ ביסל, און דאָס לשון — ווינער יידיש,

געמישט מיט זידיטשויוועד חסידות און חז״ל־מאמרים: —
ער בעט זיך ביי דעם טשערנאָוויצער האַכגעשעצטן רעדנער,
אַז ווען דער אייבערשטער וועט העלפן און די צייט וועט קומען —
בעיתה אחישנה שטייט — מיר זענען, הייסט עס, זוכה —
השם יתברך האָט דערפאַר געבראַכט שוין די אתחלתא,
אתחלתא דגאולה — און ס׳וועט איצט שוין לאַנג נישט נעמען —
מיר וועלן האָבן אונדזער לאַנד צוריק — מע דאַרף דאָך טאַנצן
פאַר פרייד, וואָס לעינינו וועדט מקויים דער אור חדש —
דאָס איז דאָך עטוואָס זאַנדערבאַרעס, ממש ווי אַ חלום — — —
— „וואָלט איך געבעטן אונדזער ליבן גאַסט, דעם האַכגעשעצטן,
מע זאָל אין פאַלעסטינאַ בויען איידער וואָס אַ מקום,
אַ הויז פאַר אַלטע לייט, זיי זאָלן קענען דאָרטן וואוינען
די יאָרן וואָס ס׳איז זיי פון אויבן צוגעטיילט צו לעבן —
אַז די, וואָס האָבן שוין קיין כוח נישט צו העלפן בויען,
צו האַקן שטיינער פאַר שאָסייען, טראָגן ליים און ציגל,
אַז די וואָס האָבן אַלע יאָרן ביי ותחזינה
געבעטן גאָט און האָבן, זעט מען, עפּעס אויסגעבעטן —
זיי זאָלן דאָרטן זיין פאַרזאָרגט מיט ברויט און מיט מנוחה.
קען זיין, אַז מ׳עט צוליב דער גרויסער מיצווה בנין־הארץ
נישט קענען זיין געהיט מיט כיבוד־אב־ואם כשורה.
איך בעט דערפאַר דעם האַכגעשעצטן גאַסט ער זאָל דערמאָנען
אין טשערנאָוויץ און ווייטער, אין די העכערע אינסטאַנצן —
אַן „אַלטערסהיים,״ ווי כ׳האָב געזאָגט, מיר זאָלן דאָרט נישט קומען —
צו קיין בזיון, און ווער שמועסט, חלילה צו קיין חטא נישט.
איך דאַנקע, מיינע הערן, וואָס איר האָט געלאָזט מיך רעדן —
ובא לציון גואל.״ — איצט ערשט האָט מען אָנגעהויבן
התקוה זינגען — און דער עולם איז זיך באַלד צעגאַנגען.

אַן אייזעלע

כ׳האָב געזען אַן עלנט אייזעלע שטיין
אויף אַ פעלד אָרום רעננה —
ס׳האָט געצופּט פון לעבן אַ זאַמדיקן שטיין
אַ ביסל גראָז פאַרוויאַנעטס.

„צי האָט דיך עמעץ אַהער געבראַכט,
אָדער קומסטו פון ערגעץ געפלויגן ?"
דאָס אייזעלע דזשובעט דאָס גראָז פאַרטראַכט,
און פינטלט מיט די אויגן.

„מיין טייער אייזעלע, מיין דינס, —
צי האָסטו אַהער פאַרבלאָנקעט ?"
„אַן אייזעלע בין איך און דאַר איך בין —
נאָר דאָס איז די שענסטע לאָנקע."

„אַליין אין פלאַמיקן שטראַלנגאָס,
און אַ ביסל גראָז פאַרטריקנטס —
אויב עמעצער האָט דיך דאָ איבערגעלאָזט,
צי קען מען נישט נאָך אים שיקן ?"

„די דאַרע גראָזן אַרן מיך נישט,
אויך נישט דער שטיין, דער האַרטער.
איך גלייב, איך גלייב מיט וואַרטעניש —
ס'איז גוט מיט גלויבן וואַרטן."

דאָס אייזעלע הייבט אויף דעם קאָפּ
און פאַרקוקט זיך אין די וויטן :
„איך האָב ביטחון, איך האָב, איך האָב, —
אַז משיח וועט אויף מיר רייטן."

„פון וואַנען וועט קומען משיח אַהער —
פון וויטן, צי פון דאַנען ?"
דאָס אייזעלע קוקט מיך אָן פאַרקלערט,
ווי ס'וואָלט מיך גוט פאַרשטאַנען.

„אַ שיינע ביישנית, מיט תימנער חן,
וועט אים טראָגן און וועט אים זייגן.
ער קומט פון דאַנען — איך הער אים גיין,
פאַר נאַכט, ווען די שטיל נעמט זיך נייגן."

דאָס אייזעלע גיט אַ פּאָר שפּאַן, פאַרשווינדט,
און קומט באַלד ווידער זיך וויזן —
אין זאַמד און אין הייסן שטראַלנווינט,
מיט שטילן ביטחון זיך שפּייזן.

שטיינער, ווי לעמער פאַרגליווערטע

שטיינער, ווי לעמער פאַרגליווערטע,
לעמער — גראָע שטיינער.
שוואַרצע ציגן באַלייטן זיי —
נאָר סע פּאַשעט זיי נישט קיינער.

וואָס פּאַשען די לעמער און ציגן זיך דאָ?
מע זעט נישט כמעט קיין גראָזן.
געווען אַ כאַמסין און אַלץ פֿאַרברענט,
און וואָס ס'איז געבליבן — פֿאַרבלאָזן.

שטיינער־מעזשעס פֿון פֿעלד צו פֿעלד,
און וואו נישט וואו — אַ מלונה.
אַ פּסוק ישעיה ליגט אויף דער האַנט —
איך האָב אים דאָ געפֿונען.

ווער היט עס אָפּ די טשערעדע,
די טשערעדעס פֿון דאַנען?
אַ פּאַסטעך, וואָס מע זעט אים נישט,
נאָר ער איז פֿאַרט פֿאַראַנען.

ביי דער מוטער רחלס קבר

אַ פֿויגל, אַן עלנטער, איינציקער פֿויגל,
איז הויך איבער מיר געקומען געפֿלויגן,
ער האָט מיט די פֿליגל גערירט נישט כמעט.
האָט ער אפֿשר מיר עפּעס צו זאָגן געהאַט?

זיין רוען אין פֿלי מוז דאָך עפּעס באַטייטן —
ער פֿליט איצט אַהער פֿון פֿאַרוויסטע ווייטן...
קען זיין, אַז ער ברענגט מיר אַ גרוס, אַ וואָרט
פֿון יענעם פֿאַרוויסטן ווייטן אָרט.

דאָס ווייטע אָרט האָט אַ נאָמען — אוקראַינע.
פאַרמאַגט דאָרט אַ שטיין די מאַמע מיינע —
אַ שטיין צוקאָפּנס, מיט אותיות צוויי:
פ״נ — צי דער ווינט האָט שוין אָפּגעמעקט זיי?

איז דאָ כאָטש אַ בערגל ערד, אַ צייכן —
אַז טאָמער אַ מאָל כ׳על אַהין דערגרייכן,
זאָל איך קענען צופאַלן קושן די ערד,
וואָס כ׳האָב נאָר מיט לײדיקע לידער באַטרערט?

דער עלנטער פויגל — ווער ווייסט, צי הערט ער
מיין שטיל געפרעג, די געוואָרגענע ווערטער.
מוטער רחל, אין דיין רו,
מיין שטום געבליפּע — פאַרנעם עס דו.

אַ תפילה ביי דער מוטער רחלס קבר

נעם אַריין צו דיר אין דיין רו
די נשמות פון מאַמעס, וואָס מע ווייסט נישט וואו
זייערע קברים זענען. דו אַליין ווייסט.
זאָל דאָס זיין אַ שטיקל טרייסט.

און די וואָס האָבן יאָ אַ מצבה־שטיין —
דערהער פון דער ווייט זייער שטיל געוויין.
זיי וואָלטן אַרויס פון די קברים צו חצות —
און מחנותוויז זיך צו דיר געלאָזט.

נאָר די ערד האָט זיך דאָרטן איבערגעקערט,
און זייער תפילה ווערט נישט דערהערט.
פאַרלאָזטע נשמות ערגעץ עק וועלט —
זאָמל זיי איין אין דיין געצעלט —

וועלן זיי דיר דערציילן אין שבתדיקע טעג,
אַז זיי געדענקען: אין מיטן וועג
שטייט דיין קבר אַזוי פיל יאָר — — —
געמיינט ס׳אַ חלום, לסוף איז עס וואָר...

און תשעה־באב נאָך האַלבן טאָג,
אין די הוילע זאַקן, נאָר אָן געקלאָג,
וועלן זיי אויסציִען די הענט, אין איינעם מיט דיר,
צו דער מנורה פון זון, וואָס לייכט
אויף דער שוועל פון דיין קבר־טיר.

אַ קוויטל אין אַ שפּאַלט פונעם כותל־מערבי

כ׳האָב נישט קיין מעשׂים־טובים, וויפל איך רעכן און רעכן,
און קיין אייגענע זכותים, זיי זאָלן פאַר מיר פּירשפּרעכן —
אַזוי ווי מלאָכים גוטע.
בעט איך מיין מוטער,
מרים בת חנה,
וואָס נישט מיט קיין שיפן און נישט מיט קיין באַנען
קען מען זיך צון איר קבר דערשלאָגן —
אפשר קען זי מיר זאָגן:
מיין האַרץ איז אַ טאָפּ מיט לייד און מיט קלעמעניש —
צו דערטראָגן האָב איך באַלד שוין קיין כוח נישט —
ווען וועל איך געגעזן ווערן?
איך האָב שוין באַלד נישט קיין טרערן.

און איך בעט מיין פאָטער, חיים בן צבי —
אַביימעלע שטייט אין שטענדיקן בלעטערבלי
צוקאָפּנס פון זיין קבר אין הייליקן לאַנד —
זאָל ער גיין מיט מיינע זיידעס און באָבעס באַנאַנד,
די צדיקים און צדקניות אָפּגעשיידטע,
און זאָלן זיי אַלע פאַרן כיסא־הכבוד אַ תפילה שפּרייטן,
אַז סע זאָל זיין שלום אויף דער וועלט,
און אויך אין יידנס געצעלט,
און אויך ביי מיר אין געמיט —
איך בין אַ זינדיקער מענטש און אַ צעבראָכענער ייד.

איך לאָז מיין פאַנטאַזיע צעשפּרייטן די פליגל

איך לאָז מיין פאַנטאַזיע צעשפּרייטן די פליגל —
כ׳זע טשערעדעס רינדער, שאָף און ציגן...

אַ שטענדיק געווימל אויף באַרג און אין נידער,
די קו — נאָכן אָקס, און די לאָם — נאָכן ווידער.

זיי פּאָרן זיך פּשוט, ווי גאָט האָט געהייסן —
און נישט דורך מאַשינען, און נישט מיט קיין בייזן.

און כרמים און אויך קישואים־פעלדער —
אין מיטן די מלונה, דאָס סוכה־געצעלטל. —

די מדבר, וואָס שמאַכט מיט זאַמדן, מיט פוסטע —
מע האַלט זי אין צירן מיט לאַן און מיט קוסטן.

און דאָרט, וואו זי מדברט מיטליידיקע שטורעמס,
פאַרשטעלט איר דעם וועג אַ שטאָט מיט אַ טורעם.

און צווישן די ביימער — „חתונות״ פייגל
פאַרהילכן די לופט, ווען דער טאָג נעמט זיך נייגן.

דער בעלעמער מלמד געבראַכט האָט צו פירן
אַ שטייג מיט פייגל אויף שבת־שירה —

אַזוי האָט אים יעקב פרידמאַן געבעטן,
דער חן פון די ארץ־ישראל־פּאָעטן.

איך זע, ווי זיי האָבן זיך אַלע צעפליגלט.
און לאָזן זיך איבער טייכן — זיך שפיגלען...

און קוואַלן קוועלן פון ליכטיקע תהומען,
און לאָזן ווי פּאַסמעס הימל זיך שטראָמען.

זיי טיילן פאַנאַנדער דעם ליכטיקן בדולח
צעווישן אַרומיקע פעלקער וואָוילע.

און ס׳קומט פון די הערצער דער שלום באַגערטער,
און בלוטיק געשריי נישט מע הערט, נישט מע הערט מער...

אוי, רייס דיך נישט איבער, מיין חלום־פּאָדעם —
איך האַלט דיין דינקייט ביי מיר אין אָטעם.

צו גאַסט

אויף אַ פליענדיקער מולטער
בין איך אַריבער אַלע ימען
(עמעצער האָט פאַר מיר געמוזט אַ גוט וואָרט דערלאַנגען) —
זענט איר מיר אַקעגנגעגאַנגען
מיט קייבערלעך חמישה־עשר־אויפס
אין די הענט.

די זון האָט געברענט,
און קיינער פון אייך האָט נישט געזען,
ווי אין הימל האָט זיך געעפנט אַ שפּאַרונע.
כ׳ווייס נישט אַקוראַט, ווער ס׳האָט אַרויסגעקוקט,
נאָר כ׳האָב געהערט אַ געשעפּטשעריי:
דאַנקען גאָט, אַבי ער האָט זיך אָפּגעפונען.
האָט עמעצער צוריקגעשעפּטשעט:
רעד נישט קיין שטותים, —
מ׳האָט אים דען חלילה געהאַט אָנגעוואוירן?
(דאָס איז געווען מוזיק אין מיינע אויערן.)

און אין די היימען האָט איר געגרייט צו טיש
מיט ברויט, מיט קעז און מיט טיי,
און מיט כל־המטעמים.
און אין דער לופטן האָט עפּעס געפלאַטערט
אין אַ העמדל, אויסגעצירט
מיט אותיות פון מאַראַנץ־קאָליר.
כהאָב ביסלעכווייז געכאַפּט דעם מיין דערפון,
ווייל די אותיות אַליין
זענען געווען איידעלער פון שיין.
און אין אַזוינע מיני עץ־החיימלעך האָבן געשטעקט,
אַזוי ווי שמחת־תורה־עפּל,
גוטייעס —
און ס׳האָט די שטוב פאַרשמעקט.

פלוצעם הער איך, ווי דער זיידע חיים פרעגט מיך:
נו, געדענקסט נאָך דאָס אויסרעדעניש פונעם פסוק ואני
אין דער סדרה ויחי?

וואָס רעדסטו, זיידע,
וואָס הייסט, צי איך געדענק?
אָט דערקען איך דאָס טייכל,
וואָס יעקב אבינו האָט דערין זיינע פיס געשווענקט,
אויפן וועג קיין פדן־ארם,
דאָ נישט לאַנג צוריק און דאָ נישט ווייט,
וואָס איז מען עפּעס — גראָבע־לייט?
יאָ, סע טרעפט — מע פאַרגעסט,
אָבער ווי קען מען פאַרגעסן אַן איבערגעחזרטן נס?

און אַן עלטער־פעטער, וואָס איך הייס נאָך אים,
און וואָס ער איז געקומען שטאַרבן קיין ארץ־ישראל,
גיט מיך אַ פרעג:
געקומען אויף קבר־אָבות?
זאָג איך: אויף קבר־אָב, —
און איך גיב אים צו פאַרשטיין,
אַז צו דער מאַמען אויפן קבר קען מען נישט גיין.
זאָגט דער עלטער־פעטער:
גיי צו דער מוטער רחלס קבר —
דאָרטן אין הויף
קומען זיך צונויף
די פאַרוואָגלטע קברים פון אַלע נשים צידקניות...

און די קרובהס, וואָס כ׳האָב געזען,
אין די האַלב טונקעלע חדרים,
האָבן געהאַט דעם אָנבליק פון אונדזער מוטער שרה.
ווער מיט אַ קרבן־מינחה און ווער מיט אַ צאינה־וראינה.
טאַקע שוין אַלע באַבעס,
נאָר די מאַסלינע־אויגן
און די ליפּנקאַרשן —
אַזוי ווי ביי יונגע מאַמעס.
און פון די מידות־טובות, וואָס מ׳האָט געירשנט,
האָט מען גאָרנישט פאַרגעסן און גאָרנישט פאַרבויגן.

האָב איך אַ טראַכט געטאָן:
זאָגט מיר, באַבעס, וואָס וועט איר טון,
אַז... כ׳וויל עס גאָר נישט ברענגען איבער די ליפּן —

— טאָמער, חלילה, כ׳ווייס ?
אַ היישעריק וועט זיך אַ לאָז טון,
פּלוצעם, אין אַ טאָג, אַ פראָסטן ?...

— וואָס הייסט, וואָס מיר׳ן טון ?
האָבן די באַבעס מיר געענטפערט,
— אויכעט אויפן וואונק
— עת לעשות
— מיר׳ן אויפהערן לייענען די שיינע מעשות
מיר׳ן אַראָפּרייסן די ביינערנע טאָוולען
פון אונדזערע ספרים,
און מיר׳ן קלאַפּן מיט זיי אין די הימלען,
ביז מיר׳ן אַ גוטן זכות דערוועקן.
מע טאָר זיך נישט איבערשרעקן.

דער אַלטער גאָלדלייש פון די קרבן־מינחהס
האָט מיך געבלענדט.
כ׳בין צוגעפאַלן צו די באַבעס
און כ׳האָב זיי געקושט די הענט.

צו מיינע יוגנטפריינד אין ארץ-ישראל

— איך ווייס: ס׳איז שוין היינט, נאָר איך מיין: ס׳איז נאָך נעכטן
מיר קומט אויפן זינען: ראוה פניך...

— נישט דאָרט און נישט דעמאָלט, נאָר דאָ און איצטער
איך קוק דורך צעשפּיגלטע ווייטן, צעבליצטע.

— איך קוק איבער צענדליקער יאָרן אַהינטער
אַ שטעטל, אַ מאַרק — און אַ דאָרף און אַ צווינטער.

— נאָך וויינען דאָרט ווערבעס אַצינד ביי די טייכן
ס׳איז מיינע סירענעס, איך קען זיי נישט ווייכן...

אַ פּאַסטעכל שניצט אַ פּייפיאַל פון אַ צווייגל —
נאָר אַלץ איז פאַרקלעמט אין אַ רוצחיש שווייגן...

אַ פויגל פליט אין טונקעלע קרייזן —
ווי וואָרענען וואָלט ער און עפּעס מיר ווייזן.

ער שוויגט מיט דער שרעק פון פאַרגליווערטע מאַמעס,
וואָס זעען: מע גייט זיי די קינדער פאַרסמען...

און אַלץ קערט זיך איבער, סע ווערט אַ מהומה —
וואולקאַנען זיך זענען צונויפגעקומען...

אַ וויכער פון ערגעץ געקומען צו יאָגן,
אַרויסגעריסן אַלץ — און פאַרטראָגן.

די ערד און דער הימל — איבערגעקערטע,
זיך אויכעט אַ ריס געטאָן פון די ערטער.

— — — — —

געמיינט, כ׳האָב איך אָנגעוואוירן אַלע
אויף פרעמדע ערגעץ, אין געטאָס, אין כוואַליעס.

נאָר ביסלעכווייז קומט איר פון אַלע פיר עקן —
נישט אַנדערש: אַ זכות האָט געמוזט זיך דערוועקן.

און איר זענט געוואָרן דאָ באָבעס און זיידעס —
מיט טרערן דערציילט איר די צרות אין פריידן.

דאָס ראַטעווען זיך אונטער פּייער־האָגלען,
דאָס אַנגסטיקע לעבן אין רו, און דאָס וואָגלען,

געבליבן אין וויסט, אָן אַ קבר, נישט איינער —
מע ווייסט נישט, וואו זיין פאַרלוירן געביין איז.

איז יענע, וואָס מ׳האָט זיי געלאָזט אונטער וועגנס —
צו חלום אַהער וועלן קומען זיי מעגן?...

אַ מענטש

כ׳האָב אָפּגעוואָשן די ליפּן מיט טוי —
הלוואי איך זאָל קלאָר זיין און שטיל אַזוי.

איז פאַרבייגעגאנגען זייטיק און גיך
אַ מענטש, מיט אַ טיפּן האַרב אין זיך.

— פון וואַנען קומסטו, מענטש, צו גיין?
— פון אַ קבר אַרויס, וואָס ער האָט נישט קיין שטיין.

איך ליג דאָרט מיט קהל אין אַ האַלבער רייף —
און ביי יעדן איז דורכגעלעכערט די שלייף.

דאָס געקלאַפּ פון דאַנען האָט אונדז געוועקט —
וואו מיר ליגן, אַזש דאָרט וואו די וועלט האָט אַן עק.

קיין אָפענע מעשים ברענגען מיר ניט,
נאָר לאָזט אונדז זיין אין אייער מיט.

בלויז זיין צווישן אייך און זען ווי איר בויט.
פאַרגעסן אין אונדז — איז אַ צווייטער טויט.

וואָס ט׳העלפן זיך באָדן אין טרערן, וואָס?
איך מיין, ס׳איז שוין איבערגעגאַנגען די מאָס...

ער האָט אומעטיקלעך אַ שמייכל געטאָן —
מ׳האָט געזען, אַז די טרערן קומען אים אָן.

נאָר פון ערגעץ דערהערן זיך האַמערקלעפּ —
און ער פאַרשווינדט אויף ליכטיקע טרעפּ...

זון און פעלד

ווי זוניקע קאָסעס קלימפּערן די שטראַלן —
מע זעט נישט אין ערגעץ קיין זאַנגען, וואָס פאַלן.

די שטראַלן ברעכן אויף דר׳ערד זיך ווי דראָטן.
די ערד איז געבענטשט און די מי איז געראָטן.

אַ שטענדיקער טענערשטראָם — די גרילן,
דאָס אייגענע אַלץ — ווער ווייסט וואָס זיי ווילן.

ווי קעמלען הויערן די סנאָפּעס קאָרן,
אַ בין זאָגט שירה אויף אַ קוויט פון אַ דאָרן.

די זון שיקט כוואַליעס, ווי ווייסע פייגל —
זיי זוכן וואַסערן, בלאָטעטייגן.

געפינען זיי גאָרנישט און ווערן דערצאָרנט,
און פייפן ווי דורך אַ שטומען האָרן.

אָט ווערט פון די שטראַלן־קאָסעס גאָר פיילן —
זיי צוקן אַהער און אַהין געאייליק —

ביז וואַנען זיי פאַלן ווי פּרענטלעך פון זילבער
אויף שטיינער אין פעלד — און זיי ברעכן זיך איבער.

צעשפּריצן זיך קרישקעס פון זילבערנע גלאָזן. —
דער ווינט וועט זיי באַלד אין דער לופטן צעבלאָזן

אויף בערגלעך — געקאָסעטע קעפּ פון ריזן,
וואָס ליגן דאָ ערגעץ מיט פאַנצערס און שפּיזן...

די זון וועט צעגליען באַלד זייערע בלוטן,
און הייסן זיי אויפשטיין — צו מי און צו גוטן...

איך קלאַפּ אָן אין דער טיר פון גן־עדן

איך קלאַפּ אָן אין דער טיר פון גן־עדן שטיל,
און כמעט איך שעפּטשע וואָס איך וויל:

בין איך ווערט, מלאָכים — איך טאָר נישט אַריין —
צו זען מיין מאַמעס ליכטיקע שיין?

כ׳האָב פריער קומען נישט געקענט —
געטראָגן אַ שטראָף, צווישן אייגענע ווענט.

כ׳בין אַוועק איבער ימים, ווינד און ווײ,
וואָס ווער ס׳האָט פליגל — פאַרדאַרן זײ.

איר ערשטער, איר נישט דערענדיקטער בריוו
איז אַרײן אין אַן אָפּגרונט, טיפער פון טיף.

ס׳האָט ווער מיך געמישפּט, איך אַלײן:
פינצטערער ווייטיק, פאַרשטיקט געוויין.

געלעגן, געדומעט יאָרן אַן עק —
מיין טרויער־שאָטן ט׳מיך צוגעדעקט.

כ׳פלעג זען אין חלום אַ שטראַל פון ליכט:
צום סוף וועט מיין זינדיקייט ענדיקן זיך.

ס׳וועט עמעץ צעעפענען שווער די טיר —
און כ׳וועל ווידער קומען צו גיין צון איר.

כ׳על אויסטון זיך פון ערדישער זינד —
און וועל ווידער ווערט זיין צו זיין איר קינד.

כ׳בין אָפּגעזעסן די שטראָף אויף דער ערד —
צו זען איר שיין בין איך ווידער ווערט?

איך ריר אָן שטיל די גן־עדן־טיר:
מלאָכים גוטע, פרעגט ביי איר...

מיין לעצטע רגע ערדיש ליכט

דער שטערנזאַמד פון מיין מאַמעס שפּראַך
הייבט אויף ביזן הימל מיין דיל און מיין דאַך.

דאָס לשון אירס איז געוואָרן ליד,
און שמעקט מיט צייטיקן קארשנצוויט.

אין שכנות דער חקל־תפוחין שטייט —
די טויערן זענען צעעפנט ברייט:

געטרייע ווערטער, קומט אַריין
מיט אייער שטילער שכינה־שיין.

די מאַמע שוועבט, די מאַמע גייט —
דער הימל איז אונטער איר געשפּרייט.

איך זע פון ווייט איר אַנגעזיכט —
מיינע לעצטע רגעס ווערן ליכט...

סע פינטלט אין מיר מיין געשלאָגן האַרץ:
כ'האָב אויסגעבענקט, כ'האָב אויסגעגאַרט.

איך האָב אויף די אויגן קיין טשערעפּעס ניט,
איך זע, ווי זי גייט, און איך צייל אירע טריט.

נאָך עטלעכע טריט — און זי נעמט מיך אַרום,
און איך הער איר שפּראַך, וואָס איז שיין און פרום.

קיין פינצטערער אומעט וואַרגט מיך נישט מער —
זי ווישט מיר אָפּ די לעצטע טרער.

אַזוי וועל איך זען איר אַנגעזיכט
אין מיין לעצטער רגע ערדיש ליכט...

דער קוואַל איז געבליבן

מיר קומט אויפן זינען דעם טאַטנס אַ ניגון,
ער כאַפּט מיך ווי אויף פליגל אויף —
און נעמט מיך איבער ווייטע דורות וויגן.

פונעם חלום קומט דער ניגון צו פליען —
פון פאַרהוילענע מרחקים וואו.
ווי קען ער פון דאָרט אַזוי ציען?

נישטאָ קיין אמת ווי דעם טאַטנס ניגון
און דער מאַמעס לשון, וואָס איז געווען ליד.
דאַכט זיך, אַז דאָס איבעריקע איז אַ ליגן.

כ׳האָב זיי אַריינגענומען אין מיין לידער־פּאַלאַץ —
זענען געוואָרן דורכזעיק זיינע בלאָע ווענט.
איך ציטער, אַז קיין שטורעם זאָל אים נישט צעוואַליען.

פון אַלע פיר זייטן קראַכן ווענט.
כ׳הייב אויף די אויגן צו די בערג —
וואוהין זאָל איך אַנטרינען, וואו זאָל איך געצעלטן?

כ׳בין שוין אַוועק מיט ווייס איך וויפל שליאַכן,
נאָר איך זוך נאָך אַלץ אַ לאַנגסטיקע שטוב,
פול מיט אָרעמלעכע ליכטיקדיקע זאַכן;

אַ מאָל וועל איך אַוועקפאַלן אין איר שאָטן —
כ׳וועל אַראָפּוואַרפן די שיך און אַ קוש טון די ערד,
און זיך אויסטון פון אַלע קלעמען־דראָטן.

דערווייל ליגט מיר דער טרויער אין די גלידער,
אַזוי ווי גוטער אָקעוויט —
און ער פאַרסמט מיר מיינע לידער.

און כ׳האָב שוין אַ שלל מיט לידער געשריבן
וועגן מיין דערוואָרגענער בענקעניש —
נאָר איר קוואַל אין האַרץ איז געבליבן.

דער כעס איז מיר איבערגעגאַנגען,
און די קליגערישע חכמה שוויגט —
און איך בין פול מיט באַגערן און פאַרלאַנגען.

וואַרעם אַרום האַרץ און פייכטלעך אין די אויגן

אין אַן אַלקער פון ניגונים
טראָג איך אין מיר אום מיין טאַטן —
דאָרטן האַלט איך אים געפונען.

און אַז איך פאַרציליע ווען נישט ווען אַ ניגון,
איינעם פון די אָן אַ שיעור ניגונים זיינע —
הייבן אָן די שטערן אין דער הייך זיך וויגן.

פון אַמאָלן קומט דער ניגון אָן צו שוועבן,
און די ציטערנישן זיינע
ציען דורך מיין לייב און לעבן.

די דערמאָנענישן, וואָס ער ברענגט מיר —
אמת, עמעץ האָט זיי מיט אַ מעסער דורכגעשטאָכן —
אָבער ער צעלייטערט מיר די יאָרן, די געשענקטע.

אין אַ וואַלד מיט גוטע פּירות, ווילדע,
קומט דער ניגון ווי אַ טייכעלע צו ריזלען —
פאַל איך צו דערצו, די בראַנד אין מיר צו שטילן.

כ'האָב נאָך נישט געזען די זיבן וועלטוואונדירים,
נאָר דעם טאַטנס ניגון איז דער אַכטער —
כ'זע ווי זיינע פלאַטערנישן נעמען שעמערירן —

און סע קומען דורות אָנגעפלויגן,
און זיי בלייבן שטיין פאַרטייעטע און הערן —
ווערט מיר וואַרעם אַרום האַרץ און פייכטלעך אין די אויגן.

ט י י ל מ אָ ל

אַז איך רעד צום זון, צו מיינעם, מיט אַ טענה, טייל מאָל,
און איך זאָג אים אײדל: סע געפעלט מיר נישט זיין פּירעכץ
וואָס נוגע לייענען און ביכער וכדומה —
דאַכט זיך מיר: איך הער דורך מיר מיין טאַטנס ז"ל אַ טענה...

טענהן פלעגט ער שטיל, בניחותא, אָן כעס חלילה:
מיינסט, ס'וואָלט דיר געשאַט, ווען צווישן אַלע דיינע ביכלעך,
צווישן רייזענען, מיט פּרצן, מיט שלום אַשן,
און ווי אַלע דיינע גרויסע שרייבערס הייסן דאָרטן, —
מיינסטו, זאָג איך, אַז ס'וואָלט דיר געשאַט אַריינצומישן
אויך אַ מאָל אַ ספר? אָט־אָ שטייען פולע שאַפעס
אָנגעפּראָפּטע ממש מיטן שענסטן, מיטן בעסטן;
ווילסטו — איז אויף עברי־טייטש, און ווילסטו — לשון־קודש,
ספרים, וואָס מ'האָט איצט פון זיי דעם שכר, בשעת מע לערנט,

און דער עיקר־שכר, דער ריווח, בלייבט אויף עולם־הבא —
וואָס זשע, כ׳דאַרף עס דיר דערציילן? ווייסט עָס דען אַליין נישט?
לאָמיר זיך נישט נאַרן: איין מאָל דאָרטן אין אַ מיטוואָך
עפּנסטו אַ ספר, קוקסט אַריין פון יוצא וועגן —
כ׳מאַך מיך, אַז איך זע נישט, נאָר דו ווייסט נישט ווי סע שניידט מיך.
מילא, איך פאַרשטיי, דו ביסט פאַרקאָכט אין דיינע שרייבערס —
„ס׳אַ נאַטור אַזאַ״ ׳ און כ׳וויל מיך מער מיט דיר נישט שפּאַרן —
האָסטו, זאָגסטו, ליב דערפאַר אַגדתא און מדרש —
זייער וואויל, דער מדרש איז דען נישט קיין טיפער ענין?
מיט די ביכלעך, זע איך אָבער, גייסטו ממש שלאָפן,
און דער מדרש וכדומה איז ביי דיר אַ שטיפקינד.
כ׳גיב אַ מאָל אַ קוק אַריין אין דיינע גרויסע שרייבערס —
שווער איך דיר: ס׳איז קיי און שפּיי, ווי באָר פאַר קליינע קינדער.
אויף דערויף צעפּטרט מען פּאַפּיר און געלט און כוחות?
ווי, באתרא דליעול ירקא, ליעול בשרא וכוורא...

און דער טאַטע ז״ל פלעג דאָ פאַרענדיקן, געוויינטלעך,
מיט אַ טיפן זיפץ — און זיך אַוועקגעקערט, פאַרענדיקט...

איך פלעג שטיין מיט דרך־ארץ, מיטן קאָפּ געבויגן —
כ׳האָב געהערט דעם טאַטנס זיפץ, און אויך אַ זיפץ געגעבן —
און דיביידע זיפצן האָבן, דאַכט זיך, זיך פאַרשטאַנען.

היינט, נאָך עטלעכענע צענדליק יאָרן, הער איך טייל מאָל,
ווי סע רעדט דורך מיר דער טאַטע ז״ל, בשעת איך טענה
צו מיין זון און זאָג אים: סע געפעלט מיר נישט זיין פירעכץ,
וואָס נוגע לייענען און ביכער וכדומה: —
און ער שטייט מיט דרך־ארץ, מיטן קאָפּ געבויגן,
און ער גיט דעם זיפץ, ווי דעמאָלט איך — אַ האָר זאָל פעלן...

אויף דער זיכערער ערד פון מיין חלום

אויף דער זיכערער ערד פון מיין חלום
איז גוט אַזוי צו גיין.
איך דאַרף מיך פאַר קיינעם נישט שעמען
מיט מיין פאַרשעמט געוויין.

דער גוטער, שטומער דומם
רעדט שטיל מיט מיר אין שפּראַך.
דער סוד איז אָן אָפן לשון
און איז דאָרט שטענדיק וואַך.

אין חלום רעדט דער דומם
די שטילסטע רייד פון ליד —
איך הער ווי סע זינגט דער טרויער
אין מיין פאַרצאָגט געמיט.

מיין ליד, דער עלנטער פויגל,
ווייסט בלויז נאָר דאָרט פון רו,
איך הער אים שטיל אין חלום,
ווי איך מאַך נאָר די אויגן צו.

ער טראָגט מיך אַוועק אויף די פליגל
צו יענער לאַנגסטיקער שטוב,
וואָס שטייט ווי אַ חרובער עדות
ביים שטעטל, וואָס ליגט אין אַ גרוב.

איך שעפּטשע דאָרט אַ קדיש,
דאָס האַרץ איז מיר פאַרקלעמט.
אין חלום איז גרינג צו דערוואָגלען —
אַפילו פון עלנטסטער פרעמד.

איך שעפּטשע קוים אַ קדיש,
און לאָז אַ שטילע טרער,
דערנאָך דערוואַך איך מיט אַנגסטן —
און בין ווידער אויף פרעמדער ערד.

דער פויגל איז ווידער נישטאָ מער,
זיין ליד איז אָבער דאָ.
געקומען צו מיר פאַרנאַכטיק
אין אַ פרומער פרימאָרגן־שעה.

איך טריף עס אָן ווי אַ ליכטל
אויף מיין טיש, ביים סאַמע ברעג —
דערהער איך: אַ פויגל פלאַטערט,
וואָס איז שוין לאַנג אַוועק.

דעם פויגל, דעם פויגל דערקען איך —
דאָס איז דאָך די פּאַווע אַליין.
זי האָט אָנגעוואוירן אַ פעדער,
נאָר איז פול נאָך מיט גאָלדענעם חן.

טאָ וואָס ווייַנסטו, האַרץ, דו נאַרישס,
ווי אַ פלאַטערל ווייט אין ווינט?
אויף דער זיכערער ערד פון דיין חלום
ביסטו ווידער ביי גאָט אַ קינד.

אין שטילע פאַרנאַכטן

דער גאָלדענער כוס פונעם טאָג האָט זיך אויסגעליידיקט.
כ׳האָב נישט טועם געווען פון זיין ווין און פון זיינע פריידן.

מיר האָט אַלץ זיך געדאַכט: עמעץ זוכט מיך און וויל מיך
געפינען —
האָב איך אויך געזוכט און אַלץ געשעפּטשעט: דאָ בין איך.

איצט ווייס איך: אָט באַלד געפינט מיך די אויסגעדאַכטע —
געהיטע טריט זענען קלערער אין שטילע פאַרנאַכטן...

פאַרקלעמטע פיין

פ אַ ר ק ל ע מ ט ע   פ י י ן

דורות פאַרגאַנגענע, רינגלט מיך אײַן —
בלויז ווען איר שטייט ביי מיר, קען איך נאָך שטומען
און אין די פויסטן פאַרקלעמען מיין פיין —
איך זאָל באַשטיין, ביז משיח וועט קומען.

איך האָב געשפּאַנט איבער שליאַכן אָן צאָל,
און זייער שטויב איז געווען מיין געלעגער.
כ׳על עס דערציילן אין פריידן אַ מאָל —
איצט איז אין פלאָגעניש יעדע מיין רגע.

וויפל פאַרנאַכטן שוין איבערגעבענקט —
און נישט דערכאַפּט די מינוט פון חסדים,
כ׳האָב אין ביטחון מיין וואונד געשווענקט,
און זי פאַרבונדן מיט גלייביקן פאָדעם.

כ׳האָב ביז די קנעכל געטאָפּטשעט אין זומפּ,
און אויכעט דאָרט האָט די שווערד מיך געשמיסן —
נאָר אויף מיין נאַקן געבראָכן זיך שטומפּ,
און מיינע כוחות נישט איבערגעריסן.

וואָגל איך ווייטער, די וועלט איז נאָך גרויס —
מעג מיר דער שטעכדראָט די בליקן צעשניידן.
איך וועל אַ מאָל אויף אַ לאָנקע אַרויס,
און אין איר מיטן — אַ פּאַסטעכער־ביידל.

וועל איך אַ מידער צעבינדן מיין זאַק,
און כ׳על צעוויקלען אַ פאַרמעט מיט לידער.
אויך אַז געבליצט איבער מיר ס׳האָט די האַק,
האָב איך פאַרקריצט אייער וויי, מיינע ברידער.

קוימיקע פּענצטערלעך חלום

איך נאָר מיט שטילע לידער,
בשעת אַ ווינטבראָך קאָכט אין מיר.

בעט איך די וואָלקנס,
וואָס האַלטן זיך אין איין טראָגן
איבער דער ערד:
בלייבט אַ רגע שטיין —
אפשר קענט איר מיר זאָגן,
פאַר וואָס איז מיר נישט באַשערט
די געבענטשטקייט פון אַ שטומען שטיין?

נעמען פלעמלען קוימיקע פּענצטערלעך חלום
אין מיינע פיר איילן עלנטקייט.
שווער איז מיר צו לייענען דעם חלומס תוך —
לייען איך זיין שיין און זיין שאָלעכץ.

שוין באַלד אַ לעבן לאַנג

נעם אַרויס פון מיר דאָס צעלעכצטע האַרץ,
און גיב מיר אַ האַרץ פון שטיין —
וועל איך נישט הערן דורך די נעכט
מיין פאַרשטיקט געוויין.

נעם צו ביי מיר דאָס אויגנליכט —
איך וויל, איך דאַרף עס נישט —
וועל איך נישט זען, ווי מע שפּאָט פון מיר —
אין דער שוואַרצער פינצטערניש.

און די פינצטער זאָל זיין אַ טויבע וואַנט,
וואָס לאָזט נישט דורך קיין קלאַנג —
כ׳האָב מיך אָנגעהערט מיט לעסטערונג
שוין באַלד אַ לעבן לאַנג.

אין צווייטן גילגול

אין צווייטן גילגול לאָמיך קומען אויף דער וועלט
אי טויב, איך זאָל נישט הערן
ווי מע קאַטעוועט זיך שטילערהייט,
מיט זיסע רייד;
אי בלינד —
איך זאָל נישט זען, ווי מע פאַרסמט דעם ווינט,
זיך אויסצואוואַרגן איינס ביי איינס.
אין צווייטן גילגול לאָמיך זיין אין ים
אַ שטיינדעלע, אַ קליינס —
אַבי נישט קיין בעל־שכלדיק באַשעפעניש,
אבי נאָר קיין בן־אדם נישט.

מיינע פאַרוואָגלטע לידער

דער קאָפּ מיינער פרירט אויף אַ זעקעלע אייז — אויפן פּחד.
צו להכעיס
באַהאַלט זיך דאָס האַרץ מיינס אין וואָל פון זיכרונות,
אין פּאַלאַץ פון אָרעמער שיינקייט,
וואָס מיר איז באַשערט געווען אין אים צו וואוינען
העט דאָרטן, העט דעמאָלט.

מיך רינגלען אַרום און מיך קלעמען
פיר פינצטערע ווענט ווי אַ תפיסה.
סע טרעפט: דורך די קראַטעס־שטאַכעטן,
וואָס אונטער דער סטעליע,
דערזע איך אַמאָלן און וייטן —
זיי קומען אויף מיינע קאַרניזן זיך שטעלן,
און מיינע פאַראומערטע שעהען פאַרזיסן,
מיך טרייסטן און גלעטן.
זיי קומען ווי שוואַלבן פאַרנאַכטיקע, מידע,
און ברענגען מיר מיינע פאַרוואָגלטע לידער.

איך וואָלט וועלן

איך וואָלט וועלן
כאָטש איין מאָל
קעגן דעם רישעות פון דער וועלט זיך שטעלן —
ווי אַ העלד? ניין, ווי אַ נאַר —
זיך לאָזן אונטער די וואָלקנס,
גרינג, פריי,
אָן דעם בליי פון צער —
און אומבאַקלערט
גיבן אַ שפּיי
אויף דער זינדיקער ערד —

אַך, וואָלט איך דאָס געטאָן,
שא און שטיל —
ווען מע לאָזט מיך נאָר מיטנעמען דאָס וואָס איך וויל...

דורך מיין שטיקל פענצטער

אַלע חרפּות קען איך איבערשווייגן —
אָבער אַז איך ליג און דומע
אין די ציגלשטייגן,
ווי אַ חיה, אַ געכאַפּטע,
און דער ווייטיק הערט אין מיר נישט אויף צו ברומען —
זאָל זשע כאָטש דער הימל שטערן,
מיט די בלאָע בלענדענישן זיינע,
אויך אויף מיר אַ ביסל שיינען
דורך מיין שטיקל פענצטער.

אַך, איך מאָן דאָך נישט קיין מילעכוועגן,
סיי אַבי אַ שטערן, מעג אַפילו זיין דער קלענסטער,
איז גענוג פאַר מיינעט וועגן.

זאָל ער מיר אַ מאָל אַ גוטע בשורה־טובה ברענגען —
וועט מיר אין דער ציגלשטייג אַזוי נישט ענג זיין.

אין אַן אַסיענגאַכט

(מיינע טייערע מלך און רחל ראַוויטש — אַ מתנה)

עד, טי, גאַטעניו, האַרציקער, געטרייער —
וואָס ברענט מיר אין די ביינער אַזאַ העליש פייער?
וואָס גייט מיך אַזוי אָן דיין וועלט?
כ'וואָלט אַוודאי געווען איר שומר,
נאָר איך בין נישט אַפילו קיין סטראַשידלע אין פעלד.

זי קומט צו מיר צו לויפן, מיט אַנגסטן פאַרגאָסן —
אין דרויסן פינצטערן אויף איין מאָל אַלע חצותן.
בלייב, בלייב ביי מיר, געיאָגטע וועלט.
מיר'ן שלאָפן אין איין בעט,
און איך גיב דיר אַ העלפט פון מיין קליין געצעלט.

פון די אויגן קאַפּעט איר בלוט, נישט קיין טרערן,
וואָס וועט פון דיינע שיינע אויגן ווערן —
מיין הייס געליבטע וועלט?
קומסט צו מיר נאָך הילף —
נאָר ווי קען איך דיך ראַטעווען און ווערן דיין העלד?

דו סאָפּעסט און פלאַטערסט, ווי אַ פאַרוואונדיקטער פויגל
וואָס איז פון אַ פיילן־האָגל אַרויסגעפלויגן.
וואָס פאַר אַ רוצח יאָגט דיך, וועלט?
טוליע דיך צו צו מיר —
איך ציטער אויכעט פאַר פחד און קעלט.

פאַר דער טיר האָבן זיך שלאַקסן צעגאָסן —
אין מיטן זומער איז געוואָרן ווינטער אַסיען.
כ'האָב אַ קוק געגעבן אויף גאָטס וועלט,
האָט זיך מיר געעקט ס'לעבן.
כ'האָב מיר מיט די אָרעמס דאָס פּנים פאַרשטעלט.

ס'האָבן מיך פאַרטייבט אירע פאַרשטיקטע געשרייען.
כ'האָב זי אַרומגעכאַפּט: מיר'ן שטאַרבן אין צווייען,
אַזוי ווי אַ פאַרליבט פּאָר, מיין האַרציקע וועלט,
כ'על איבערלאָזן פאַר מיינע יתומים —
כ'ווייס נישט וואָס, נאָר נישט קיין געלט.

מיר האָבן זיך אָנגערירט שטערן צו שטערן —
כ׳האָב אָנגעהויבן נישט געהערטס צו הערן,
בשעת כ׳האָב געהאַלטן אַרומגענומען די וועלט.
כ׳האָב אָנגעהויבן זינגען: ד׳ רועי —
און מיין קול האָט זיך טרויעריק צעטרעלט.

אין וואַגאָן

דורך אַ פענצטער לייכט אַ פייערל פון ווייטנס,
ערגעץ פון אַ כאַטע אין אַ מיטן פעלד.
שעהען לאַנג, אַז ס׳וויל די לאַנדשאַפט זיך נישט בייטן —
רעגן, אָוונט און אַ בלאָנדזשענדיקע וועלט.

וויינט דער רעגן, צי די וועלט איז אַ פאַרטרערטע?
ניין, דאָ האָט אַ טייל מיין אייגן שטיל געוויין.
וואָלטן כאַטש געקוואַלן, ווי די טרערן, ווערטער —
אַז איך זאָל נישט מוזן שטומען ווי אַ שטיין...

ערגעץ הינטער מיר אַ שיכור — זינגט, פאַרגייט זיך,
עפּעס דאָרט אַ מיידל האָט אים אָפּגענאַרט...
כ׳האָב אויף מער צו וויינען, שיכור, נאָר כ׳פאַרשטיי דיך —
זינגסט מיר סיי ווי סיי אַרויס ווי פון מיין האַרץ.

וויפל וועגן ס׳איז די באַן שוין דורכגעפאָרן —
קען קיין איינער מיך אַהין נישט פירן מער,
וואו סע שטייט דער גאָרטן פון די יונגע יאָרן,
אַ געשענדטער, אויף אַ חרובדיקער ערד.

זינג זשע, שיכור, ווי דו זינגסט — כ׳על דיך באַלייטן
דורך פאַרשטשעמעטע צווייַ ליפּן, מיט געברום.
אַלע ווערטער זאָגן גאָרנישט אין מיין ווייטיק —
ריטשעט נאָר דאָס האַרץ אין מיר, און איך בין שטום.

ס׳האָט פאַרבייגעיאָגט אַ וועלדל, נאַקעט, עלנט,
און אַ סטענגע וואַסער, וואָס די שקיעה צינדט.
אַך, ווי כ׳וואָלט געוואָלט, די באַן זאָל דאָ זיך שטעלן,
און מיך לאָזן דאָ, מיט וואַלד און טייך און ווינט.

שקיעה, וואַלד און ווינט — ווי קומט אַהער רציחה?
(כ׳האָב דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף קאַלטער שויב.)
כ׳הער אין ווינטל ווייגעשרייען, ווי׳ן אַ וויכער,
און די שקיעה ווייזט מיר טיליקונג און רויב...

איך וועל עפענען דאָס האַרץ פאַר וויסטע שטיינער —
אפשר וואַרט אויף מיר אַ ווערבע ערגעץ וואו...
אפשר וועל איך דאָ, מיט וואַלד און ווינט אין שכנות,
פאַרט געפינען טרייסט אין אומעט, אפשר רו.

דער לאַקאַמאָטיוו נעמט יאָגן, פייפט און וואָרנט:
ניין, ער לאָזט מיך נישט מיט וואַלד און ווינט אַליין.
וועל איך שוין אַזוי ביז סוף פון מיינע יאָרן
אומגיין אַ פאַרקלעמטער מיט מיין שטום געוויין.

אַריסטאָס לעצטע רייד

מובא — סע ווערט געבראַכט
ערגעץ אין אַ ספר ישן,
אַז אַריסטאָ, דער גרויסער פילאָסאָף,
האָט זיך איין מאָל דערפילט מסוכן שוואַך.
ער איז שוין געווען אַ טיפער באַ־בימים, אַ מידער.
סע זענען אים ווי אָפּגענומען געוואָרן אַלע גלידער —
געבליבן איז אים נאָר ס'לשון.
ער האָט תיכף געוואוסט: דאָס איז מיין סוף —
און ער האָט זיך פאַרטראַכט.

ויאמר — האָט ער אַזוי געזאָגט
צו זיינע תלמידים, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט:
עפּעס פיל איך,
אַז היינט וועט זיין מיין לעצטער טאָג.
וויל איך,
אַז איר זאָלט אָנהייבן זינגען
און זיך פרייען.
איר ווייסט דאָך וואוהין מיר, שטאַרבלעכע, גייען
נאָך די יאָרן, וואָס זענען אונדז באַשערט
דאָ אויף דער ערד:
אַהין, אין דער אייביקער וועלט,
וואו דאָס לעבן איז מער נישט אויף קיין צייט געשטעלט.
זעט איר, פאַרקערט:
וויינען דאַרף מען דעמאָלט,
ווען דער מענטש ווערט געבוירן,

ווייל סע נעמען זיך לאָזן צרות אויף אים
דורך טירן און טויערן.
איצט בעט איך אייך,
הערט מיין לעצטן פאַרלאַנג —
איידער איך גיי אַוועק אין מיין אייביקער רו —
און איילט זיך צו:
רופט מיר צונויף, תיכף און גלייך,
די פילאָסאָפן פון דער גאַנצער וועלט.
כאָטש אויף עטלעכע מינוט.
איידער מיר'ן זיך געזעגענען,
מוז איך מיך מיט זיי באַגעגענען
אויג אויף אויג.
איך וועל אַנדערש נישט קענען אַוועק פון דאַנען באַרוט.
שוין לאַנג,
אַז איך וויל זיי מגלה זיין אַ געדאַנק,
וואָס פאַרצערט מיך, אַזוי ווי לויג.

ויהי כשמוע — אַז מ'האָט דערהערט,
אַז סע שטאַרבט דער גרעסטער פון אַלע פילאָסאָפן —
איז מען זיך צונויפגעלאָפן
פון דער גאַנצער ערד.
לאַכן האָט מען נישט געקענט,
און וויינען האָט מען נישט געטאָרט.
האָט אַריסטאָ אַ גלעט געטאָן די צעשויבערטע באָרד,
און אַ זאָג געטאָן: שמעו נא רבותי,
הערט מיך אויס, פילאָסאָפן גרויסע —
איך וועד פון חרטה פאַרברענט...
כ'האָב געשריבן אַזוי פיל ביכער,
און געלערנט דעם מענטש אַזוי פיל חכמות —
און נאָך מער:
מע קען דערפון ערשט אויסגעפינען און אויפדעקן
כלערליי סודות,
אַז די אמתע הרחבה זאָל זיך פאַר אַלעמען אַנטפּלעקן —
נאָר כ'בין מיך פאַר איך מודה:
כ'האָב חרטה.
כ'האָב געמיינט, כ'האָב אויפגעטאָן עפּעס גוטס —

נאָר ס'איז מיר נישט געראָטן.
מיין גאַנצע האָרעוואַניע, מיין גאַנצע מי —
וועמען קומט זי צו נוץ?
רואה אני,
מיט מיין איצטגנינות זע איך פאָרויס,
אַז סע וועלן אַ מאָל אויפשטיין רשעים,
וואָס זייער טראַכטעניש וועט זיין רק און בלויז
צום בייזן און צו מערדערייען.
מיט מיין חכמה וועט מען באַשאַפן אַזוינע כלי־זיין,
וואָס וועלן חרוב מאַכן וועלטן.
מ'עט מיין נאָמען אויף אייביקע דורות פאַרשעלטן.
איך זע, אַז מע וועט די גאַנצע יצירה
צוריק צום תוהו־ובוהו דערפירן.
לא זו — נישט דאָס האָב איך געמיינט,
נישט דערפון האָב איך געחלומט.
ס'וועלן אויפשטיין אייזערנע מאָנסטער־טייוואָלים,
וואָס אַ טראַכט טון דערפון — ווערט דער מוח פאַרשטיינט.
איך זע פאָרויס, רבותי,
אַז מיטן ביסעלע גוטס,
וואָס מיין חכמה האָט געהאָלפן פאַרגרייטן —
וועט זי פירן צו רצחנישקייטן
און צו בלוט־פאַרגיסענישן ימים־גרויסע.

לכן — דערפאַר בעט איך אייך, ניין — איך הייס אייך:
מיינע ביכער זייט מבער,
וואַרפט זיי איינס ביי איינס אין פייער!"

און אַריסטאָ האָט זיך צעוויינט מיט בלוטיקע טרערן:
„אויסגערונען האָב איך געמעגט ווערן,
איידער איך בין געבוירן געוואָרן.
פאַר וואָס איז אויף מיר געקומען אַזאַ צאָרן?"

און ער האָט אויפגעהויבן די הענט צו דער הייך:
„איך גלייב נישט מער אין קיין פוסטע געטער,
נאָר, איינציקער, גרויסער גאָט, אין דיר —
איך בעט דיך, עפן פאַר מיר די טיר
צו דיין גרויס פאַרגיביקייט..." —

אַזוי האָט אַריסטאָ פאַרענדיקט זיינע לעצטע רייד.

אילו פינו מלא שירה

ווען איך וואָלט געפלויגן
מיט דער גיכקייט פון אַ שטראַל —
ניין: אַפילו צען מאָל גיכער,
און ווי לאַנג?
אַן אייביקייט מיט יאָרן —
אויב מע קען עס כאַפּן מיטן געדאַנק —
איז וואוהין וואָלט איך געקומען צו פאָרן?
קיין האַצעפּלאַץ — אין ערגעץ נישט,
איך וואָלט נאָך אַלץ ביים אָנהייב געהאַלטן.
דער מוח קען זיך שפּאַלטן.
מע קען אַראָפּ פונעם זינען,
מע קען נישט קיין ברעג געפינען —
נישט אינעם חלל און נישט אין דער צייט.
מע מיינט, אַז מ׳איז שוין ווייט —
לכּוף איז מען נאָך ביים אָנהייב פונעם ערשטן שפּאַן.
וואָס איך זאָל נישט זאָגן
וועגן דעם אין־סוף פון צייט און חלל,
וועט עס זיין גערעדט ווי אין אַ טיפן חלום —
בלויז מחשבה־טראַנטעס
און געדאַנקען־צויטן —
ווייל ס׳איז אין ערגעץ נישטאָ קיין פּלויטן,
מיט קיין גרענעץ, מיט קיין פּאַן...
אלא וואָס? דאָס מילבגעדאַנקל רעדט מיך אָן,
דאָס פּיצל,
און סע טוט זיך אָן דערביי אַ פילאָסאָפן־מיצל:
פלאַפּל!
פּאַסטוליר — איז ערגאָ לעבסטו און דו צאַפּלסט.

זאָג איך בעסער מיטן סידורס פשוטיקע ווערטער:
אילו פינו מלא שירה —
ווען איך וואָלט געהאַט אַ מויל מיט אַלע שענסטע קלאַנגען,

ווי דער ים איז פול מיט וואַסער,
וואָלט מיין ליד געוועזן קוים אַ הילך, אַ בלאַסער,
פון די טויזנטער געזאַנגען,
וואָס זיי וואָלטן אויכעט נישט געקענט דיין גרויסקייט מאָלן,
און צו דיר דערלאַנגען
בורא־עולם;
ולשוננו רינה —
ווען די צונג געקענט וואָלט שאַלן,
ווי אין ים די כוואַליעס,
ווי די ווינטן אין די טאָלן —
ווען די ליפּן וואָלטן האָבן לויבונג
ווי די הימלברייטן,
און די אויגן — ווען זיי וואָלטן לייכטן
ווי די זון און די לבנה,
און די הענט — צעשפּרייטע,
ווי די אָדלערס אין די הימלען,
און די פיס — ווי אינדנס גרינגע —
וואָלט איך נישט באַוויזן אויסצוזינגען
אַ מיליאָנטל חלק פון דער גרויסקייט פון די וועלטן,
וואָס דו האָסט באַשאַפן, —
מע זאָל שטיין געפּלעפט און גאַפן...

(אַ פּאָסט סקריפּטום:
וואו איז פּאָרט די מיט פון אַלע וועלטן?
אפשר איז עס איך, איך איינער,
מיט מיין הארץ, וואָס איז זאַק מיט שטיינער —
דאָ גאָר דווקא,
וואו סע רינגלט מיך אַרום אַ טשאַטע מאָנסטערס,
און זיי גאַווערן און האַווקען.

נאָר פון דעסן
דאַרף מען אַלץ פאַרגעסן —
איז פאַרשפּילט מען זיך מיט שרעטלעך,
מיט געדאַנקען,
און סע קומען נישט דערוויל אין זינען קיין בית־עולם־בלעטלעך,
גאָט צו דאַנקען.)

אַ סאָלדאַט האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן

אַ סאָלדאַט האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן,
אין אַ בלוטיקער בלאָטע טיף,
און געשיקט אין דעליר אַ פּאָר ווערטער
צו זיין ווייב און קינד — אַ בריוו.

ר׳האָט גערעדט צו די וואָלקנס פון אויבן,
ער האָט זיך געבעטן ביים ווינט:
„טראָגט אַוועק מיינע עטלעכע ווערטער
צו מיין ווייב און צו מיין קינד.

איך ליג אויף אַן ערד, אויף אַ וויסטער,
און פינצטער איז מיר און קאַלט.
כ׳האָב גאָרנישט אַצינד, נאָר אייך ביידן,
אייער ביידנס נאָענטע געשטאַלט.

די אויגן דיינע, דראַגוצאַ,
זיי מאַכן מיר גרינגער דעם טויט.
און דעם קינדס צוויי בלאָע אויגן
זענען איצט נאָך שענער צעבלויט.

איך שיק אייך אַ קוש מיטן ווינטל,
און איך נעם אייך אַרום פון דער וויט.
איר וועט הערן די טערקלטויב קלאָגן,
וועט איר וויסן, וואָס סע באַטייט...״

דאָס בריוול איז אָנגעקומען
אין דער אייגענער רגע אַהיים —
דאָס ווייב האָט פאַרקלעפּט די שפּאַלטן
אין דער וואַנט, מיט פרישן ליים —

האָט זי פּלוצעם דערהערט, ווי סע יאָמערט
אויפן דאַך די טערקלטויב,
און האָט פּלוצעם דערזען אַן אָפּשיין
פון אַ פרעמדער געשטאַלט אין דער שויב.

ז'האָט זיך איינגעקוקט טיפער אין פענצטער,
און האָט באַלד די געשטאַלט דערקענט —
און אַרויסגעלאָזט אַ געיאָמער,
און פאַרבראָכן ווילד די הענט.

זי האָט באַלד דאָס בריוול געענטפערט,
מיט טרערן, און בלוט פונעם האַרץ —
און עס מיטגענומען אין בוזעם —
צום סאָלדאַט, וואָס גוססט און וואַרט...

איך בין שטום

איך הער נאָך אַלץ ווי באַנען וויינען
דורך פינצטערע אָסיענבעכט.
דאָס פירט מען אָקערשט מיינע ברידער צום געשעכט...

אין מיר וואָיעט אַ וויטיק,
ווי אַ טשאַטע הונגעריקע וועלף,
און ס'איז נישטאָ צו וועמען צו שרייען: העלף!

אויף מיר שטאַרן אויגן פאַרגלייזטע —
שטומער צער גליווערט אין זיי,
העכער פון יעדן געשריי.

וואָס שרייט איר צו מיר, מיינע ברידער?
אַריבער ימען נעם איך אייך אַרום,
אָבער איך בין דאָך שטום.

דור פון טאַלידאָמיד

ער האָט איבערגעלאָזט די פיר פיס,
די גומענע,
די אָפּגענומענע,
אין גאַראַזש,
און האָט זיך איינגעמאָסטעט אין אַ טראָגקאַסטן,
וואָס דאַרף אים אַרויפשלעפּן
אויפן ווייס־איך־וויפלטן עטאַזש.

אַריינגעקומען אין שטוב אַריין —
נעמט ער איין צוויי פּילן
קאָמפּרימירטע שפּייז,
און אַ דריטע פּיל —
פון גרויס פאַרגעניגן וועגן —
זיין געלט מעג ער אויסגעבן ווי ער וויל.

דערנאָך נעמט ער דעם פּיסטויל
אין די צוויי־פינגער־קליאַמרעס
פון די פּראָטעזן־הענט,
און הייבט אים אָן פוצן משוגענערוויז.
ער׳ט באַלד אַריין אין בעט —
מאָרגן האָט ער עטלעכע קורסן
אין אוניווערסיטעט.

...ער גייט מיטן בינטל קליידער איבערן קאָפּ —
ווי ער זאָל אַריבערגיין אַ טיפן, שטראָמיקן טייך,
אָבער אָן אַ ברעג — — —
ער גייט שוין ווי לאַנג,
און איז נאָך אַפילו קיין שפּאַן נישט אַוועק.
ער איז אי אַליין, אי נישט.
די שרעק, די גרענעץ, איז אָבער אָפּגעווישט —
ער איז שוין אויף יענער זייט שרעק.
מזלות מיט שטערן פליען אים פאַרביי,
ער גיט דערויף אַ שפּיי.

די זון זעצט זיך אויף זיין גאָלדענעם פּליך,
אויף זיין מאָנאָקל, וואָס שטעקט אים אין שטערן,
און אויף זיין הויכן געפּוצטן צילינדער,
וואָס פליט אים נאָך...
ער גייט, נאָר ער פילט נישט קיין פיס און קיין שיך...

מ׳האָט אים געשפּייזט נאָך אין דער מאַמעס לייב
מיט טאַלידאָמיד.
מיט איטלעכער פיל
איז אים אָפּגענומען געוואָרן אַן אַנדער שטיקל גליד.

איצט איז דאָס פּנים גראָ ווי אַש,
די חושים — צעלעכערט,
אַלע רעדן הויך — רעדט ער העכער,
נאָר דאָס קול כריפּעט,
ווי פון איינעם מיט אַ ראַק אין אָדם־עפּל.
די אויערן, וואָס ער האָט נישט,
שווימען אין ראַדיאָ־כוואַליעס.
ער הערט אין זיי פון צייט צו צייט אַ לאַנגן קלונג.
רעדן רעדט מען צו אים דורך אַ טרייבל,
וואָס מע שטעקט עס אַריין אין אַ קינצלעכער עפענונג
ערגעץ אין מיטן הינטערקאָפּ.
די האַרץ־באַטעריע זשומעט.
די אויגן זענען איבערסאַטורירט
פון צו פיל בלענדנדיקע קאָלירן.
ער פילט, ער ווערט פּאַמעלעך בלינד.
וויפל קענען אויגנלעכער אַבסאָרבירן?
זיי האַלטן אין איין גלאָצן און שפּיזן.
דאָס גליק פון געוויין קען ער נישט —
ער איז געבוירן געוואָרן אָן טרערנדריזן.

אויפגעשטאַנען —
לייגט ער אַריין אין קעשענע זיין טעלעסקאָפּישן פּיסטויל.
ס׳איז זיין געלט און מער קיינעמס נישט,
מעג ער זיך איינהאַנדלען וואָס ער וויל.
ער ווייסט וואויל,
אַז היינט וועט ער עמעצן דערשיסן.
וועמען? וועט מען זיך שפּעטער דערוויסן.
אפשר דעם צענטן, וואָס קומט אים אַקעגן?

אַך, דאָס נאַרישעוואַטע פרעגן!
אפשר טאַקע זיך.
ער האָט היינט געלייענט אין זיין האָראָסקאָפּ:
וואָס ער וויל טון, זאָל ער טון גיך.

איז ער אַרויס אין גאַס, אַ צערייצטער.
די בנינים פּלייצן,
אַהין און צוריק...
די הייזעררייען קומען זיך צונויף איבער אים.
די טראָטעוואַרן פֿאַלדעווען זיך
און מישן זיך ווי שווערע בלעטער, שטיינערנע,
פון עפּעס אַן אַפּאָקאַליפּטיש בוך —
און זיי צעקוועטשן אים, כמעט ווי אַ פליג.
די לופט איז אָנגעבלאָזן, געדיכט, פאַרשטיקט.

ער פליט אַריין אין טאָלן,
אין אויפגעריסענע מיילער פון טונעלן,
וואָס כאַפּן אים אין די ציין און פליען מיט אים אַוועק.
די ציין זענען אָנגעשפּיצטע אָלן,
נאָר ער איז שוין ווייט אויף יענער זייט שרעק.
ס'איז אים לעצט גוט.
און די שקיעה ליגט מיטן פּנים אַראָפּ,
און וויינט מיט בלוט.

אויף פוסטע פעלדער ערגעץ

אויף פוסטע פעלדער ערגעץ,
אין אַ זומפּ פון בלוט מיט ערד,
ליגט צעהרגעט אַ דייטשער זעלנער,
לעבן אים — זיין דערהרגעט פערד.

ער ליגט געקאָוועט אין אַנגסטן,
נאָר ער זעט און הערט און רעדט.
ער קען מיט קיין אבר נישט רירן —
דער רוקנביין איז אים צעפלעטשט,

וואַראָנעס קומען צו פליען
און צירקלען אים אַרום.
ער מיינט אין דעליר — ס'איז די מאַמע.
„אַך, מוטערכען, גיכער קום —

איך צאַנק שוין ווער ווייסט וויפל שעהען,
נאָר איך פיל נישט קיין ווייטיק, קיין וואונד.
פאַרן פאָטערלאַנד וויל איך שטאַרבן,
נאָר נישט אויסגיין אַזוי ווי אַ הונט.

אָט ליגט מיין פערד אַ דערהרגעטס —
מיין בעסטער קאַמעראַד.
קיין וואָרט נישט — אַזוי דאַרף פאַלן
אַ געטרייער דייטשער סאָלדאַט.

אַ וואָרף מיטן קאָפּ צום הימל —
און אויסגעצויגן די פיס.
אַזוי שטום ווי אַ פערד צו שטאַרבן,
איז דייטש און שיין און זיס.

ווי לאַנג וועט דאָס בלוט פון מיר ציקען?
וואָס נעמט עס נישט קיין עק?
אַך, מוטערכען, קום דערלייז מיך.
צו שטאַרבן אַזוי — איז אַ שרעק.

וואָס וויל די סטייע וואַראָנעס?
פאַרשווינדט! איך נעם דאָס געווער!...״
נאָר ער קען מיט קיין אבר נישט רירן,
און דאָס קול זיינס שרעקט נישט מער.

ער ליגט אויפן פעלד — אַ סטראַשידלע,
נאָר ער זעט און רעדט און הערט —
אַ צעהרגעטער דייטשער זעלנער,
אין אַ זומפּ פון בלוט מיט ערד.

אַ וואַראָנע שטעלט זיך צוקאָפּנס:
„וואָס טויגן דיר אויגן, זאָג.״
„איך זאָל זען ביי נאַכט צו הורן,
און צו רצחענען — ביי טאָג.״

זי פּיקט אים אויס אַ קוקער
און פאַרלעשט אים האַלב פון זיין ליכט.
„אַך, הימעלקרייצדאָננערוועטטער!
כ׳האָב נאָר געטאָן מיין פליכט!״

די וואַראָנע רעדט — און אים דאַכט זיך:
ס׳אַ מעשהלע פון גרים.
זיין אויער כאַפּט ניואַנסן
אין דער מאָדנער פויגלשטים.

אַ וואַראָנע שטעלט זיך צופוסנס:
„וואָס טויגן די פיס, די צוויי?״
„צו פלעטן קינדערשע קעפּלעך,
איז נישטאָ קיין בעסערס פון זיי.״

„נאָר דיך ווע׳מיר נישט צעפּלעטן —
מיר עסן דיך ביסלעכווייז —
וועסט זען און דו וועסט הערן
אי אונדז, אי פון פעלד די מייז.״

אַ וואַראָנע שטייט פון דער זייטנס —
זי מיאוסט זיך צוצוגיין.
זי האַקט מיטן שנאָבל אין פרעסער,
אין די שורות געזונטע ציין.

„פאַרשטשעמע נישט די ליפּן —
די בושה מעג זיין ווי גרויס.
נישט אַלע ציין צעברעך איך,
נאָר איטלעכן צווייטן בלויז.״

אַ וואַראָנע פליט צו צו זיין אַקסל:
„וואָס טויגן דיר די הענט?״
„כ׳האָב געממיתט און געמערדערט,
כ׳האָב געשענדט און כ׳האָב פאַרברענט.״

ער דערמאָנט זיך זיינע מעשים
און זיין הריגה־פרייד.
איצט ליגן די הענט ווי קלעצער,
אין בלוטיקער בלאָטע צעשפרייט.

אין דער הייך — אַ זילבער־וואָלקן.
ער ווענדט די אויגן אַהין.
ער וויל דעם קאָפּ אַ הייב טון —
ס'איז אפשר אַ צעפּעלין...

„דו זילבערנער וואָלקן, דו גאָרנישט —
אַוועק פון איבער מיר!"
זיין ווילד, פאַרשטיקט געהעשע
פאַרטרייבט אַ מינוט דעם דעליר.

אַ פאַטראָנע וויינט דורך דער לופטן.
אים דאַכט זיך: סע קומט ווער, מע קומט.
„איר שוואַרצע, פאַרשאָלטענע פייגל —
זייט שטיל אַ רגע, פאַרשטומט."

ער הערט אין דער הייך עפּעס פליען —
מע דאַרף זיך וואַרפן צו דר'ערד!
ער גיט אַ ריטשע: זיך לייגן! —
נאָר דאָס קול ווערט אים איבערגעקערט.

ביי זיין אויער זיצט אַ וואָראָנע
און קראַקעט — ער הערט זי קוים:
„נאָך גוט, וואָס דו ליגסט שוין סיי ווי,
און דו הענגסט נישט אויף אַ בוים..."

„פאַרשאָלטענער שוואַרצער פויגל —
איך וואָלט געפאָלגט נאָך איצט —
ווען איך הער דעם באַפעל פון מיין יונקער,
און איך זע זיין שווערד, וואָס בליצט.

סע מוז זיין ווער ס'זאָל באַפעלן,
און ווער סע זאָל פאָלגן מוז זיין —
אַזוי וועט מיין דייטשלאַנד דערלאַנגען
ביזן צענטן יאָרטויזנט אַריין.

ס׳איז אפשר אַ נייע אַטאַקע,
די מלחמה הייבט זיך ערשט אָן —
פאַרשפּיליעט צוריק דעם שינעל מיר,
און גיט מיר די סוואָסטיקע־פאָן.

און קענען די הענט זי נישט האַלטן —
איז לייגט זי מיר צווישן די ציין.
געטרייע קאַמעראַדן —
קומט, העלפט מיר אויפצושטיין.״

די קאַסקע ליגט אין בלאָטע,
דער שינעל איז אַראָפּגעפליקט.
ער וויל אַ קרעכץ טון — אָבער
ער כאַפּט זיך באַלד צוריק.

„אַ דייטשער זעלנער קרעכצט נישט,
און אויקעט נישט — אָ, ניין!
דאָס פּאַסט פאַר יידישע ווייבער
מיט זייער אַלט געוויין.

מיר האָבן נערוון ווי דראָטן,
ווי רעלסן — אָך, פערפלוכט!
פון אַלע שיינע טויטן —
אַזאַ טויט מיך אָפּגעזוכט...״

פון שטאַרע, טויטעביימער
פליט אָן די לעצטע קראָ.
„די לעצטע שעה איז געקומען —
מיין לעצטע שעה איז דאָ.״

ער זעט, ווי די פעלדמייז קריכן,
די וואָראָנעס טענצלען צו.
„וואו איז היגגעקומען מיין ראָטע,
און וואו איז מיין לייטענאַנט, וואו?״

זיי נעמען אים לעבעדיק עסן —
ער ליגט און זעט און הערט.
ער ליגט און איז מקנא
זיין טייערן פריינד, דאָס פערד.

נ י ש ט ק י י ן ש ד י ם

מע גלייבט נישט — און מע גלייבט פאָרט...
כ׳בין דורכגעגאַנגען לעבן אַ חרוב אָרט,
אַן אָפּגעברענט הויז —
האָב איך געגעבן אַ קוק אַריין,
אַ רגע בלויז —
האָט זיך מיר אויסגעדאַכט:
איך הער געשושקערייען...
שדים — איז מיר איינגעפאַלן אויף אַ הרף־עין.
אַנטרין!...
(ס׳איז געווען אַקעגן נאַכט.)
נאָר כ׳האָב מיך ביטער צעלאַכט:
אוי, סאַראַ נאַר איך בין...
סיי ווי סיי,
נישט קיין שדים
גייען היינט אַרום פראַנק און פריי
ברחובות־עיר,
און זיי האָבן ביי זיך געלאָדענע פּיסטאָלעטן,
און קלאַפּן אָן זייער העפלעך אין אייער טיר.
געוויינטלעך, שטודירן זיי אין די אוניווערסיטעטן,
און אַ מאָל זענען זיי אַפילו פוטוריסטישע פּאָעטן.

באַלאַדע פון דאָ אַנומלט

(אַ מתנה א. ק.)

דער פראָסט האָט געברענט און געקריצט מיט די ציין,
און געשניטן מיט מעסערס ביזן ביין.
מעת־לעתן פינצטערע צוויי שוין באַלד,
אַז זיי טאָפּטשען און פאַלן אין פוסטן וואַלד.
„אוי, מאַמע, ווי טוען די פיס מיר וויי.״
„דאַנק גאָט, וואָס סע פאַלט נישט קיין פרישער שניי.״
„נו, גוט, מיר טוען נישט וויי די פיס —
נאָר אין בייכעלע איז מיר ליידיק און וויסט.
סע שניידט מיך דער הונגער נאָך מער ווי דער פראָסט —
פאַר וואָס האָט, מאַמע, גאָט אונדז פאַרלאָזט?״
די מאַמע פירט דאָס קינד ביי דער האַנט.
זי פילט דעם הונגער, דעם פראָסט און — די שאַנד.
„דו זאָג נישט, אַז גאָט פאַרלאָזט אונדז, דו נאַר —
אין אַ הרף־עין דערלייזט ער פון צער.

ער קען אונדז דערלייזן נאָך היינט, און באַלד —
ווי נאָר ס׳וועט זיך עקן דער פּוסטער וואַלד.״

זי רעדט און זי ציטערט און קלאַפּט מיט די ציין,
און זי ווייזט נישט דעם קינד, אַז סע וואַרגט זי געוויין.

„... מעגסט מישפּטן, גאָט, נאָר באַהיט מיר מיין קינד.
זיין האַרץ איז פאַרביטערט, נאָר ריין פון זינד.״

דער הונגער ברענט. ס׳איז פינצטער און קאַלט.
„אָט באַלד, מיין קינד, וועט זיך עקן דער וואַלד...״

„איך קען נישט מער, מאַמע, איך האַלט עס נישט אויס.״
„אוי, קינד מיינס, וואָס רעדסטו? אָט איז דאָך אַ הויז...״

„דו נאַרסט מיך, מאַמע, איך זע נישט, ניין —
איך קען נישט, איך קען נישט ווייטער גיין...״

דאָס קינד טוט אַ פאַל און איז שיר נישט פאַרלענדט —
זי כאַפּט עס אויף אירע פאַרפרוירענע הענט.

זי שפּאַנט. זי גייט נישט. „איך לאָז דיך נישט דאָ —
ס׳זאָל נעמען אַפילו נאָך וויפל שעה...״

זי ווייסט נישט וויפל שעה זי גייט,
נאָר אָט, נאָכן וואַלד, איז אַ פעלד געשפּרייט.

אַ כאַטע, אַ הויף, נאָך צוויי, דריי שפּאַן.
„וואָס ווילסטו, זשידאָווקע? אַוועק פון דאַן!״

„אַ שטיקל ברויט. אַ טרונק וואַרעמס בלויז.״
„וואַרט צו, איך דערלאַנג עס דיר באַלד אַרויס.״

זי גיט אַ שמייכל און קושט דאָס קינד:
„דו זעסט, ווי גאָט העלפט גיך און געשווינד?״

„איך גלייב דיר, מאַמע״ — און שמייכלט צוריק.
זי וויגט אים, אַזוי ווי אַ מאָל אין דער וויג...

„וועסט זען, מע ברענגט אונדז באַלד אַרויס
אַ גלאָז טיי מיט ברויט — אָט פון יענעם הויז...״

* * *

אַ טאָוויער סקריפּעט, סע ווייזן זיך צוויי —
מיט העק אין די הענט, און גלייך אויף זיי.

די פאַרשטיינערטע מאַמע טוליעט איר קינד — — —
געהויבענע העק — — —אַ סוויפּטש אין ווינט — — —.

לעבן אַ טייך

איך בין געזעסן לעבן אַ טייך
און אַריינגעקוקט אין זיין שפּיגל —
איז אָנגעשוואומען אַ ליבע געשטאַלט
אויף בלויע כוואַליעוויגן.

ס׳איז נישט געווען קיין דערטרונקענע,
איך האָב נישט אויפגעציטערט.
אוי, גאָט געטרייער, זאָג פאַר וואָס
מע ווערט אַזוי יונג פאַרשניטן.

איך האָב מיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני,
מיך טיף אַראָפּגעבויגן,
און אויף דער ליבלעכער געשטאַלט
מיך גלייביק אויסגעצויגן.

כ׳האָב מיך געזעגנט מיט אַלץ מיט אַנאַנד,
און זי פרום אַרומגענומען —
מיר זענען צום אָנהייב אייביקייט
פאַרבענקטע אָנגעקומען.

אַז איך בין בלינד

אַז איך בין בלינד, נאָר כ׳ווייס:
סע כוואַליעט זיך אַ ים קאָלירן רונד אַרום מיר
פאַרצאַפּלט, הייס;

אַז איך בין טויב, נאָר כ׳הער:
סע קומען
פון ווייטסטע וועלטן קלאַנגען
אַזש ביז אַהער;

אַז מיר איז אָנגעצייכנט שטומען,
די ליפּן זענען ווי פאַרהאַקטע צוואַנגען —

איז גיב מיר כאָטשבע פייער אין די הענט,
איך זאָל פאַרברענען דעם שיגעון,
וואָס וואַקסט דערפון ביי מיר אין אינגעווייד
ווי שימלמאָן,
און דראַפּעט זיך מיט אומעטיקער פרייד
אויף מיינע אינעווייניקסטע פיר ווענט.

ערגעץ אויף די פעלדער בודינעצער

ערגעץ אויף די פעלדער בודינעצער
איז אַ מאָל אַרומגעגאַן אַ ייִנגל,
און האָט דאָרטן ליב געהאַט די סטעזשקעס אין די וועלדער;
צו די בערגלעך אויף די פעלדער
האָט ער זיך געטוליעט
ווי צון אַ געליבטער
און געגלעט זיי —
ערגעץ אויף די פעלדער בודינעצער.

איצטער גייט ער דאָרטן אום פאַראומערט —
ר'איז אויף קבר־אבות קוים אַהין דערקומען —
גייט ער צו די בערגלעך צו, זיי אָנצורירן —
שפּאַרט אַרויס אַ מעסער פון אַיעדן בערגל —
אַז דאָס בלוט אין אים הייבט אָן צו פרירן.
קערעוועט ער אויס די טריט און גייט אַריין אין שטעטל —
קיין ווירגיל באַדאַרף ער נישט, ער זאָל אים פירן —
אין דער לופטן טראָגן זיך נאָך אַלץ יללות —
און דאָס האַרץ אין אים הייבט אָן ווי מיט אַ האַמער זעצן —
ערגעץ אויף די פעלדער בודינעצער.

דאָ האָט מען די גאַנצע עדה אויסגעקאָסעט
אין אַ שיינעם, וויסטן שבת —
און געלאָזט בעת־מעשה אַלע קלויסטערגלאָקן קלינגען —
מע זאָל קיין געשריי נישט הערן.
גייט אַרום דאָס ייִנגל,
און ער זוכט אַ טראָפּן טרייסט, די ליפּן צו באַנעצן —
ערגעץ אויף די פעלדער בודינעצער.

מיט אַ צייט צו פריער
פאַר דער גרויסער שחיטה,
האָט מען פינף קדושים אָנגעטאָן די גרעסטע ווייען
ביי די לאַנגע ליפּעווע אַלייען,
אויף די וועגן בודינעצער:
מ'האָט צעטשמעליעט זיי די הענט און פיס, און
מ'האָט זיי דאָ געלאָזט אַליין, זיי זאָלן אויסגיין —

ביז דאָס בלוט האָט אויפגעהערט זיך פון זיי גיסן.
נישט אַליין — ווייל גאָט האָט באַלד אַהין אַראָפּגענידערט
שבעה זיך צו זעצן —
ערגעץ אויף די וועגן בודינעצער.

זעט דאָס ייִנגל: איינער מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָרעם
נעמט אַרום זיין ברודערל ביים טויטן שטערן:
שרעק דיך נישט, די מאַמע וועט נישט וויינען —
זי'ט אַראָפּ פון זינען אין דער רגע,
אַז זי'ט אונדז דערזען צעבראָקטע —
ערגעץ אויף די בודינעצער וועגן.״

איינער ליגט אַ גאַנצער, אויסגעצויגן —
אָבער לעבן אים — די אויגן,
און דאָס מויל איז אָנגעשטאָפּט מיט ערד און שטיינער —
אַ דערשטיקטער.
אַ וואַראָנע קראַקעט: „מ'האָט נאָך דיר געשיקט ווער?״
און דאָס ייִנגל ענטפערט: „ניין, נישט קיינער.״

ס'האָט גענומען גיין אַ נעפּלדיקער רעגן,
און דאָס ייִנגל האָט זיך שטום געזעגנט
מיט די בודינעצער וועגן.

כ'על אַוועק צון אַ ציגיינערטע

כ'על אַוועק צון אַ ציגיינערטע
אין לאַנד פון די שיינע קאַרפּאַטן,
און זי פרעגן, צי האָט זי פאַר מיר אַן אָרט
אין איר בויד, צי אין איר כאַטע.

כ'על פרעגן ביי איר אַן אייגציקע זאַך:
— געטרייע, גוטע מכשפה,
ווי לאַנג וועט נאָך ברענען דער וויטיק אין האַרץ,
און דאָס פייער אין מיינע שלייפן?

ביי אַלע זנאַכערס שוין אויסגעוועזן,
ביי שטערן־זעערס אַלע —
און וואָס זיי האָבן מיר אויסגעלייגט,
איז באָקעם אויסגעפאַלן.

איז קום איך איצט צו דיר צו גיין,
ציגיינערטע גוטע, דו אַלטע —
וואו נעמט מען, זאָג, אַ וויסטן שטיין,
ער זאָל קענען מיין טרער פאַרהאַלטן?

איך וואַרט נישט אויף קיין ליבער האַנט —
ביז איצט נישט געקענט זיך דערוואַרטן.
איז זאָל כאָטש זיין פאַר מיין געוויין
אַ גוטער שטיין, אַ האַרטער.

און זאָג מיר, צי קוקט אויף מיר אַן אויג,
צי איז דאָ אַן אויער, וואָס הערט נאָך
מיין שטומע תפילה האַלבע נאַכט,
די געציילטע, געוואָרגענע ווערטער.

איך קום פון העט, צי וייטער נאָך,
מיט צעלעכערטע לידער־לאַגלען,
און כ׳האָב אָנגעוואָוירן מיין פידעלע
אין וויטן, וויסטן וואָגלען.

נישט אָנגעוואָוירן, נאָר כ׳האָב עס דערלאַנגט
ווי אַ משכון פאַר מיין חלום —
און איצטער האָב איך ביידע נישט,
דעם קערן מיט דער שאָלעכץ...

ציגיינערטע אַלטע, איך בין שטום
מיט אַלע נאַרישע ווערטער —
דו גיב מיר אַן אָפּגעשפּראָכן וואָרט,
אַן איינציקס, אויף צו צערטלען.

כ׳על מער נישט קלויבן אין זאַק אַריין
קיין לידער־פּאָועטיניע.
געפין מיר אַן איינציק עדלעך וואָרט —
וועל איך מיך אויך געפינען.

ווי אַ רידל

ווי אַ רידל וואַרפט די פּען די ווערטער,
און זיי פאַלן ווי די גרודעס אין אַ גרוב.
פאַלן זאָל אויף אַלע פוסטע ערטער,
דאָס וואָס איך צעטראַכט אַ מאָל ביי מיר אין שטוב.

מיט די גרודעס פאַלן בענקענישן,
וואָס זיי רודערן ביי מיר אין האַרץ נאָך ווילד,
נאָר דער קבר וועט זיי שוין פאַרווישן —
ווייל די גוטע ערד וועט ביי זיי בעטן: שטילט...

וואָס וועט נאָך מיר בלייבן ? קוים אַ שאָטן
פון אַ פויגלפלי, צי קוים אַ ווידערקלאַנג
פון אַ גאַמע, וואָס איז נישט געראָטן,
אָדער פון אַן אויסגעלעסטערטן געדאַנק.

אפשר אויך דער שאָטן פון אַ שמייכל
פון אַ שטאַרבנדיקן זעער אין אַ הייל,
וואָס ער ווייסט: זיין טרייסטוואָרט וועט דערגרייכן
צו זיין פאָלק, וואָס איז צו פיינען אויסדערוויילט.

וואָס וועט בלייבן פון מיין לידער־הויקער ?
אַ דערמאָנעניש, אַז דאָ האָט ווען געלעבט
איינער, וואָס פון זינט כּאור־הבוקר
האָט ער נאָר געציטערט מיט זיין לידגעוועב.

אין דער זון, דער ליכטיקער מנורה,
יעדן טאָג פון ס'ניי באַוואונדערט דעם באַשאַף:
זיך אין אַנגסט געוואָרפן און געפרווירן
נאָר די שטערן יעדע מעריב־צייט באַגאַפט.

ר'האָט געוואָלט צונויפבאַהעפטן וועלטן
מיט געניי־גטע ווערטער, מיט די שטילסטע רייד,
און געבערן אין די לידגעצעלטן
כאָטש אַן אָפּדאַכט פון אַ פינטל אייביקייט.

זאָג, דו, האַר פון דער וועלט

די ספרים, וואָס אין גן־עדן לערנען פון זיי די צדיקים —
ווי האָסטו געלאָזט, אַז גוים זאָלן זיי צעפּליקן?
אַזוי פיל דורות האָבן זיך געוואַרעמט ביי זייער שטילן פלאַם —
וואָס האָט מיט זיי געטאָן דער יונקער, דעם כּאַם?

חזירים האָבן געפּליקט שטיקער פונעם זוהר,
וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין די גנאָיען —
גוים האָבן אים אַהין אַוועקגעפּירט,
נאָך פולע מיט רציחה און מיט שפּירט.

מיט די שטיקעס האָבן זיי דורכגעלעכערט דיינע מסכתאס,
און בשעת־מעשה געקייכט פון געלעכטער,
די קינות וועגן גזירות תתנ״ו און ת״ח־ות״ט —
ווי אָון ווינד, וואָס פאַר אַ סוף זיי האָבן געהאַט.

די ספרים, וואָס מע פלעגט זיך מיט זיי פאַר דיר בוקן,
האָבן חזירים זיי באַניוכעט און איבער זיי געכרוקעט.
דערנאָך איז מען אַוועק און מ׳האָט געשלאַכט אַ שוויין,
און געטרונקען ביר ביז טיף אין דער נאַכט אַריין.

(מע זאָגט, אַז יעזוס האָט יאַקבע פונעם צלם אַראָפּגענידערט
און געקומען און זיי געזאָגט מוסר: „פע, שוין ווידער?״ —
האָט מען אים אָן קונצן געענטפערט: „אַזוי איז גוט.״
זיי חלומט זיך נאָך אַלץ די האָסטיע, וואָס סע קאַפּעט פון איר בלוט...)

דיינע לערנערס פלעגן וואַרקען ווי די טויבן
און זיך וויגן איבער דיינע ספרים און דיין נאָמען לויבן —
זאָג דו, האַר פון דער וועלט —
פאַר וואָס האָט מען זיי אַלע צון אַזאַ מישפּט געשטעלט?

דער גוטער סאַמוראַי

די נאַכט הייבט אויף אַ בלאָע פּאָלע
און לאָזט מיך איבערלעבן וואונדער:
אַרום אַ פּאַלאַץ שטייט אַ גאָרטן
מיט כל הפּירות רונדע.

אַ פלויט היט אָפּ דעם שיינעם גאָרטן;
אַ וועכטער שטייט דערביי — וואָס טוט ער?
ער שטייט און קוקט ווי פייגל פליען —
אַ סאַמוראַי, אַ גוטער.

ער שטייט און קוקט ווי פייגל פליען,
און ציילט די שטערן אויפן הימל.
ער קוקט אַוועק פון טיר און טויער —
און מאַכט זיך, אַז ער דרימלט.

ער טראָגט אַ פּאָר צעגלאַנצטע שטיוול,
און ביי דער זייט — אַ שווערד, אַ קרומע.
נאָר מיט די קרומע אויגן ווינקט ער:
נישקשה, מע זאָל קומען.

איך קום אויף סטעזשקעס זייטיק שטילע,
און נישט אויף אויסגעשפּרייטע וועגן.
דער סאַמוראַי, דער גוטער, זעט עס,
און לויפט מיר נישט אַקעגן.

איך קום נישט מיט קיין שלעכטער טראַכטונג.
חלילה מיר, איך פּאַל נישט איבער.
אַ סימן: אינעם גאָרטן הער איך
ווי עמעץ שעפּטשעט: ליבער...

איך ענטפער מיט די שטילסטע ווערטער.
דער גאָרטן האָט זיך ליב צו סודען.
דער גוטער סאַמוראַי ווערט נעלם
אין שטערנדיקן בוידעם...

בוקאָווינער לאַנדשאַפט

אויף די פעלדער בלאָנדזשעט אום אַ יונגע גויע —
דער בוהיי האָט זיך פאַרבלאָנדזעט אין אַ פעלד פאַפשויעס.

מאָרגן וועט מען קומען איר די שטאָל צעוואַרפן,
מאָרגן קען נאָך עמעץ קומען מיט אַ האַק, אַ שאַרפער.

זי'ט נישט גוט פאַרמאַכט די שטאָלטיר מיטן ריגל —
איצטער לויפט זי זוכן, און דאָס קינד געלאָזט אין וויגל.

אים געדאַרפט גאָר בינדן, ווער זשע קען אים בינדן?
מאָרגן וועט מען קומען איר די כאַטע אונטערצינדן.

וואַי דע מינע, וואָס האָב איך אַזוי געזינדיקט?
ווי ל'איך קענען זיין אַ מאַמע צו מיין שטוב מיט קינדער?

מיין באַרבאַט איז אויך נישטאָ שוין צוויי מעת־לעתן,
זיך מסתמא ביי אַ יינגערער פון מיר פאַרזעסן.

שולדיק איז דער טייוול, וואָס ער שפרייט די נעצן —
אוי, ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל, הלוואי ס'זאָל זיין דאָס לעצטע.

ווענען זאָל איך איצטער גיין און זוכן פריער?
מזל מיינס, דו ביטערס, זאָג: ווי לאַנג וועסטו דיך ציען?

אין דער קאַפּליצע דאָס ליכט וואָס כ'האָב געצונדן —
זאָל מיר היילן מיינע ווייטיקן און מיינע וואונדן.

איך וועל אויך אין שיל אַ ליכטל ברענגען מאָרגן —
דעם כאַכאַם דערציילן מיינע צרהדיקע זאָרגן.

יענע, וואָס זי וועט מיר מיין באַרבאַט פאַרפירן —
זאָל די דאַר זי נעמען עסן, ביז זי וועט קראַפּירן.

זאָל אים גוט זיין נאָר ביי מיר און מער ביי קיינעם —
באַטש כ'האָב אים געגעבן ברויט, און ער באַצאָלט מיר שטיינער.

אַ זון מיט אַ רעגן

אויף די פעלדער היי
פאַלט אָנגעגליטע שיין.
די גראָזן סאָפּען —
און זאַפּן זי איין.

דאָס פעלד, אין געבלימטן קלייד,
טראָגט אין שויס די זעט.
די ערד איז מיד, זי וויל אַ רעגן,
כאָטש אַ פייכטן גלעט.

די בלומען־גלעקלעך
קלינגען אַ תפילה אויס —
— מיט קאָלירן־טענער —
דאָס צאַפּלעניש איז גרויס.

און איידער וואָס
און ווען און ווער —
האָט פאַרבלאָנדזשעט אַ ווינטל
פון ערגעץ אַהער.

און איידער וואָס
און ווער און ווען —
האָט באַוויזן דאָס ווינטל
וואָס סע קען:

אַ רעגנשפּריי, געזיפּט און געזיגן
דורך אַ גאָלד־געליישטער וואָלקנזיפּ —
צומח און דומם
עפּענען אַ ליפּ.

און אַ פולע באַרשט פאַרבן
טוט אַ צי און אַ פיר —
פּתּעם וואַלד צום באַרג:
אַ טויער אָן אַ טיר.

ער שטראַלט און ער לאַקט
אַ מינוט — און פאַרשווינדט —
ווי עפּעס אַ שפּיל
פון אַ גאָט — אַ קינד.

ווי אין חלום

איך וואָלט וועלן שרייבן ווי אין חלום —
אָן אַ פּען און אָן אַ טינטער —
אַלע דוממים פאַרמיידן.
שרייבן עלעהיי ווי אויף אַ ווינטל,
אויף אַ גאַרטל הימל —
טונקען די מחשבה סיידנס
אין אַ טראָפּן ריח פון אַ שטאַרבנדיקן עפּל,
אין גסיסה־צאַפּל פון אַ בלימל,
פון אַן אָפּגעריסן צוויטנקעפּל —
זאָלן קומען זען און הערן
שטערן —
פון די טיפע הייכן
גרייכן
צו מיין אויער
קוים געהערטע ווידערקלאַנגען
פון פאַרגעסענע אַמאָליקע געזאַנגען —
און זיי וויקלען מיך אין ליכטיקדיקן טרויער...

און פון הויכע תהומען,
קומען, ווי אויף שאָטנדיקע שטראָמען,
ערגעץ פון אַן אייביקדיקן דויער,
שטאָלטן דאַכטיקע פון לאַנג שוין אָפּגעשיידטע —
מיט די אָרעמס אויסגעשפּרייטע,
ווי זיי זאָלן קומען מיך אַרומצונעמען
און מיך אויסצוטון פון מיינע קלעמען —
און זיי וויקלען מיך אין ליכטיקדיקן טרויער...

איך וואָלט וועלן שרייבן ווי אין חלום —

מיין גאָרטן

יאָ, כל הגראָזן ווילדיקן
אין גאָרטן פון מיין זעל,
נאָר בלויע קאָרנבלימעלעך
באַהערשן דאָס געמעל.

די הייסע קראָפּעווע באַגער
טראָגט בליעכץ ווי אַ קרוין.
זי וואַקסט באַשיידן פּאַזע פּלויט,
וואו נאָר איך קום און וואוין.

און אויך דאָס שטעכעכץ טראָגט אַ קוויט —
און זי איז פול מיט סם —
מע שטאַרבט חלילה נישט דערפון,
אַבי מע כאַפּט דעם טעם.

אין אָט דעם מאָדנעם בלומענוואַלד
פליט אום אַ בין, זי פליט
נאָך טראָפּנס האָניק, זי פאַרזיסט
די ביטער פון מיין ליד.

פאַראַן אַ בלום — איך זע זי נישט,
נאָר כ'ווייס אַז זי איז דאָ.
אַ נאָמען האָט זי דווקא יאָ —
זי הייסט פאַרנאַכטן־בלאָ.

פאַר וואָס זי הייסט אַזוי? דערפאַר
ווייל אַז ס'עו קומט פאַר נאַכט,
דערפילט מען: זי האָט אויפגעבליט —
זי איז נישט אויסגעטראַכט.

אין מאָכן, וואָס באַרינגלען זי,
פאַלט שטילער שטערנשיין —
ער נעמט זיך נעסטן אין דיין זעל,
ער וויל דייך זיווג זיין.

אויף דער פֿאַרנאַכטן־בלום אַליין
פֿאַלט גאָרנישט קיין שום ליכט.
ווי ווייסט מען, אַז מ׳איז לעבן איר?
מע פֿילט עס אומגעריכט.

מע ווייסט עס פֿון דער טרער אין אויג,
די טרער פֿון פֿרייד אין לייד —
דער אָוונט ווערט אַ חסד־טייך
צו דיינע פֿיס געשפּרייט.

ער ציט דיך צו מיט איידלקייט,
דו זאָלסט דיך טובל זיין,
דו זאָלסט אויף איבערן פֿאַרנאַכט
דיך אויסטון פֿון דיין פּיין.

פֿאַראַן אויך קרייטעכצער לרוב,
וואָס כ׳קען נישט זייער שטאַם —
נאָר ווער האָט זיי דען דאָרט פֿאַרפּלאַנצט?
דער בורא, מן־הסתם.

צעווישן קוסטן ווייזט זיך ווען,
ווען זי פֿאַרלאָזט איר העק,
אַ שלאַנג — זי גיט אַ צישע בלויז,
און שלענגלט זיך אַוועק.

דאָס צישעניש דערשרעקט מיך אַלץ —
איך ווייס נישט וואָס זי וויל.
אין גאָרטן שאָרכט אַ רגע, צוויי,
דערנאָך ווערט ווידער שטיל.

אויך צאַרטע ליליעס זענען דאָ,
זיי זענען ביי זיך גרויס —
און וואָס ס׳עט טרעפֿט זיי דורך די נעכט,
דאָס זאָגן זיי נישט אויס.

פֿאַראַן אויך טרערן אינעם מאָך,
נאָך הייסע, ווי דער זשאַר —
ווייל דער, וואָס האָט זיי דאָרט געלאָזט,
איז אויסגעגאַן פֿון צער.

ווער ביסטו, ווער?

דו חתמעסט־אויף די לידער,
וואָס יערן אין מיר.

אַ מאָל איז מיר דער קאָפּ אַ נעסט מיט יונגע טויבן —
זיי דרימלען, מיט די קעפּעלעך פאַרלייגט.

דו קומסט און שרעקסט זיי איבער און צעטרייבסט זיי —
און רופסט זיי מיט אַ טויבן־ציערס פייף צוריק צונויף.

צעוואָרפסט אַ זשמעניע פערל אין דער לופטן —
און תיכף ציליעסטו זיי אָן צוריק.

ווער ביסט, ווער — אַ מלאכדיקער מגיד,
צי אַ ציגיינערין, וואָס איז אַנטלאָפן פון איר בויד?

דו גייסט מיר נאָך געטריי אַזש פון די קינדער־יאָרן
און ביז אהער, פוס־טריט.

אין אומעט מיינעם הער איך, ווי דו זאָלסט מיר זאָגן:
קלאַפּ אָן אין דיין זכרון, ווי אין אַ פאַרמאַכטער היל.

איך פאָלג — און צייל דאָרט די מצבה־שטיינער ווי׳ן אַ חלום —
און כ׳גיי אויף קבר־אבות, פרילינג, אין אַ טיפן שניי...

מיין אומעטיק ציגעלע

(אַ מתנה מיינע פריינד
אהרון און מאַניע שוסטער)

אַן אומעטיק ציגעלע וואוינט אין מיין הויז,
און גייט אויף דער ליכטיקער שיין נישט אַרויס.

דער מענטש איז אַ וואָלף, זיין האַרץ איז פאַרשטיינט —
און סע העלפט נישט קיין שום תחנונים־געוויין.

דאָס ציגעלע שוויגט אין אַ ווינקל שטוב,
אָט ווי סע זאָל שטיין פאַר אַן אָפענעם גרוב.

סע נעמט נישט אין פיסקל קיין גראָז, קיין שפּייז,
און די אויערלעך זענען אים קעלטער פון אייז.

סע דומעט און שוויגט און פאַרלאָזט נישט דאָס אָרט.
— „וואָס איז דיר, ציגעלע, רעד אַ וואָרט.

דו עסט נישט און טרינקסט נישט און שלאָפסט נישט כמעט —
מיין ציגעלע, עפּעס מיט דיר איז נישט גלאַט.

איך ווייס, דיין לעבן איז איינגעשטעלט —
כ׳האָב מורא, כ׳וועל אויך מיט דיר גיין פון דער וועלט.״

נאָר קומט דער שלאָף נאָך האַלבנאַכטיקער שעה —
קומט דאָס ציגעלע צו צו מיין בעט: — איך בין דאָ...

און סע גייט מיט מיר מיט, ווי אַ קינד ביי דער האַנט,
אין דער ווייטער וועלט, אין חלום־לאַנד...

אין לאַנד פון מיין חלום לעבט עס אויף,
און איז באַלד, מיט אַ שפּרונג, אויף יענער זייט הויף.

אין חלום־לאַנד ווערט עס געזונט און שטאַרק,
און דראַפּעט זיך איבער שטיין און באַרג.

סע יאָגט איבער לאָנקעס און שפּרינגט איבער פּליט —
אַז קוים איך דעריאָג עס פאַרסאָפּעטערהייט.

ס׳איז נישט צו דערקענען, סע העפּעט און שפּרינגט,
און מעקעט אַזוי ווי אַ גלעקעלע קלינגט.

גן־עדן־פייגעלעך זינגען אַריין —
איך ווער פון זיי שיכור, אַזוי ווי פון וויין.

דאָס ציגעלע, איך, און די פייגעלעך — ווי,
סאַראַ ליד דאָס איז, סאַראַ פריידגעשריי! —

ס'איז גאָרנישט פון דאַנען און גאָרנישט פון איצט —
ווי דער אור־שבעת־ימים וואָלט שטיל געבליצט.

נאָר ענדיקט דער שלאָף זיך, העט פאַר טאָג —
ווערט ווידער מיין ציגעלע קראַנק און פאַרצאָגט.

— „פאַרבלייב אין מיין חלום־לאַנד, ציגעלע מיין, —
אויב דאָרט איז דיר בעסער און גרינגער צו זיין!...

דו ווייסט, וואָס דער סוף וועט זיין, דאָ אויף דער וואָך?
כ'על ווערן אין כעס אויף דיין דומען אַ סך —

וועל איך נעמען אַ שטריק, דיר בינדן די פיס —
און אַרויף אויף אַ באַרג, וואָס איז שפּיציק און וויסט —

און פון דאָרט דיך אַראָפּוואַרפן, דיך און מיך —
און אַ סוף צום אייביקן מאַטערן זיך.

דערנאָך, מיין ציגעלע, העל און ווייס,
וועל איך נעמען אַ קעסטל, פאַר ביידן די גרייס,

און אונדז ביידן באַגראָבן, איך שווער ביי מיין וואָרט,
ערגעץ הינטער אַ פּלויט אויף אַ כשר אָרט...”

דאָס ציגעלע קוקט צו מיר, שטומערהייט,
און הערט מיינע נאַרישע, ווילדע רייד.

סע הערט און פאַרשטייט גאַנץ גוט וואָס איך מיין —
און מיר בלייבן ביידע דערשראָקענע שטיין.

מיר קוקן זיך גלייך אין די אויגן, מיט גרויל —
און שולדיק אין אַלץ איז מיין ביטער מויל.

אַן אומעטיק ציגעלע וואוינט אין מיין הויז,
און גייט אויף דער ליכטיקער שיין נישט אַרויס..

אַ פייגעלעס אַ טרעל

פאַראַן אַ מאָל אַ ליד, וואָס איילט ווי טרעפּ
אַרויף, אַרויף — וואוהין? ס'איז נאָך נישט קענטלעך...
איך פלי, אָט ווי אַ וואָלקן איבער קעפּ —
אָן קייטן אויף די הענט און פיס, אָן פּענטעס.

פון אויבן הער, אָט דאָרטן וואו די לופט
איז ליכטיק, שפּיגלדיק און אויסגעלייטערט,
דערהער איך ממש: עמעץ ציט און רופט —
איך פיל: כ'בין פון דער ערד שוין ווייט דערווייטערט...

אַז כ'על דערגרייכן אַ דערהויבן אָרט,
און וויסן: דאָ איז שוין דער העכסטער שטאַפּל —
וועט אפשר זיך אַנטפּלעקן מיר דאָס וואָרט,
וואָס ס'בענקט דערנאָך די גאַנצע וועלט און צאַפּלט.

איך לאָז אַהינטער מיר הער אַלץ ביינאַנד —
איך זע נאָר יעקבס חלומדיקע לייטער —
און איך באַזעץ מיך אין אַן אַנדער לאַנד,
מיט נייע טיפע הימלען אויסגעשפּרייטע.

מיט הימלען — ניט קיין קופּערנע, און ניט
וואָס ס'גיסט זיך פון זיי אויס אויף מיר ס'גיהנום:
אין זומפּן סמאָלע זינקען מיינע טריט,
און אין די אויגן בלינדעניש ברענען.

איך וועל דאָס וואָרט, וואָס כ'וועל דערהערן באַלד,
צעשאַלן ווי מיט שופרות און טרומייטערס.
אַך, פלי, נשמה מיינע, ניטע פאַל
צוריק אַראָפּ אין טאָל פון אַנגסט און ווייטיק.

— — — — —

נאָר דאָ האָב איך אַ דינעם קלאַנג דערהערט,
אַזש כ'האָב זיין דינקייט קוים געקענט דערהערן —
אַ פייגעלעס אַ טרעל האָט פון די שטערן
צוריק אַראָפּגעבּרעגט מיך צו דער ערד.

די לבנה רוט אויף מיין קוימען

די לבנה רוט אויף מיין קוימען,
אויף אַ קישעלע וואָלקנשטרוי;
אין דער היים, אין בוקאָווינע,
פלעג שלאָפן דער בושל אַזוי.

זיין נעסט אויפן דאַך פלעג אויסזען
אַזוי ווי פון ריטלעך אַ וויג.
אַ דאַנק דיר, בלייכע לבנה,
וואָס דו נעמסט מיך אַהין צוריק.

איך נישטער אין אַש פון זיכרונות,
וואָס די צייט פאַרזייט עס אין ווינט;
איך בין באַלד שוין אַ ייד מיט אַ הויקער,
און דאָרט בין איך נאָך אַ קינד.

אָ, לאָמיך דיר אַ קוש טון
פאַר דיין גוטהאַרציקייט —
בפרט דיין לייב ליגט אָפן
אין אַ ליכטיק צניעות־קלייד.

און חוץ דיין שיינער צניעות,
ביסטו אויסגעצירט — אַ פראַכט!
אַן אמתע קיסריניע
אין מלכות פון דער נאַכט.

אָ, לאָמיך זיין דיין קיניג —
ווע׳מיר קיניגן ביידע ביינאַנד.
ווי לאַנג וועל איך זיין אַ בעטלער
ביי מיר אין לידערלאַנד?

אַנטליי מיר פליגל צו פליען,
אָ, לאָז מיך צו צו דיין בעט.
נישטאָ קיין בעסערער זיווג,
ווי דו — מיט מיר, דעם פּאָעט.

מיך אַרט נישט, וואָס לייט וועלן זאָגן:
דער זינען איז אים צעמישט —
און מ'עט לאַכן דאָס גרעסטע געלעכטער, —
איך שווער דיר: ס'אַרט מיך נישט.

ווי לאַנג דו רוסט אויף מיין קוימען
אין אַ ליכטיקן נעפּלראָד —
לאָמיך זיין דיין באַגערטער באַשערטער,
אין דיין אויסגעשטערנטן סאָד.

צו . . . .

זאָל איך צו דיר רעדן שטיל,
נאָר מיר ביידע זאָלן הערן? —
וועט מען וויסן: ס'איז אַ סוד, —
און מ'עט אין גאָט ווייסט וואָס קלערן.

נאָר אַז איך וועל רעדן הויך,
וועט מען שוין פאַרשפאָרן קלערן —
און מ'עט אונדז באַפאַלן באַלד
ווי אַ טשערעדע מיט בערן.

איז כדי מיין מאָנאָלאָג
זאָל געפעלן און זאָל טויגן —
וועל איך שטומען ווי אַ שטיין,
און כ'על רעדן מיט די אויגן.

ווער זשע ווייסט, צי אויגנשפּראַך
איז שוין גוט און וועט געפעלן.
סיידנס, ווי אַ קאָמעדיאַנט,
פאַר אַ בלינדן זיך פאַרשטעלן.

גוט, כ'על שמאַכטן שטום און בלינד,
נאָר דאָס האַרץ וועט אין מיר וויינען:
וואָס האָט מיך אַזוי געאַרט,
וואָס מ'עט זאָגן און מ'עט מיינען?...

אַ לבנה־נאַכט

אַ וואָלקן־קאָלדרעלע דעקט צו
דאָס ווייסע לבנה־לייב.
אויף אַ זייטיקער סטעזשקע בלאָנקעט אום
אַ פֿאַרטראַכטער פּאָעט, און שרייבט.

„פֿאַר וועמעס וועגן שרייבסטו, זאָג,
פּאָעט פֿאַרטראַכטער דאָרט?"
„פֿאַר קיינעם נישט, נאָר דאַכט זיך מיר,
אַז עמעץ הערט מיך פֿאָרט.

איך בעט אייך אָבער: רעדט נישט איצט —
די לבנה קוקט צו מיר.
איך האָב זי געבעטן אַ פּערל, אַ שליף,
אַ דימעט — אַבי נאָר אַ ציר."

„פֿאַר וועמען דאַרפֿסטו דעם דימעט, זאָג,
דו האָסט דען עמעצן דאָ?"
„ניין, קיינעם נישט, נאָר מע ווייסט נישט ווען
ס'קען קומען די גוטע שעה.

כ'האָב געזען: ס'איז קלאָר, די לבנה שיינט,
האָב איך פֿאַרלאָזט מיין וואוין —
ווייל נאָר אין אַ לבנה־נאַכט
קען מען זען, אַז איך בין אַ פּשוין."

אַ ווינט האָט שטיל זיך צוגעהערט
און האָט פֿאַרשטאַנען אַלץ —
און האָט פֿאַרוויקלט אַ שאַליקל
אַרום דער לבנהס האַלדז.

דערנאָך האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן
ביי דער טאַליע — און איז אַוועק,
און דער דיכטער, אַליין אין דער פֿינצטערניש,
איז שיר נישט געשטאָרבן פֿון שרעק.

צון אַ ווייטער קרובה

איז אַ זכות מיר דעמאָלט דאָרט אין שטעטל בייגעשטאַנען?
האָט זיך מיר באַוויזן עמעצנס דמות־דיוקן?
ניין, די ענגע שטוב מיט מענטשן איז געווען פאַראַנען —
נאָר כ׳האָב פאָרט געכאַפּט די שעמעוודיקע דיינע אויגן.

האָסט פאַרשטאַנען אין דער רגע מיין מחשבה זרה —
האָסט געטאָן אַ שפּאַן צוריק, כדי מיך אויסצואויכן.
ביידע האָבן מיר נאָכנישט געהאַט קיין דרייסיק יאָרן —
און דער אָטעם איז ביי אונדז אין בלוט געווען דער גלייכער.

„לאָמיר גיין אין וועלדל״ — ס׳איז געווען אַ הייסער זומער,
ס׳האָט אין מיר געריזלט קאַלט אַ שנירל הייסע אַנגסטן.
אויפן וועג האָב איך דיך איידל שיין אַרומגענומען:
„דאַרפסט נישט מורא האָבן — כ׳שווער דיר: ס׳וועט דיר גאָר־
נישט באַנג טון.״

קיינעמס נישט דמות־דיוקן האָט זיך מיר באַוויזן,
און אַ גוטע שרעק האָט אין מיר אָנגעהויבן צוויטען.
„קיינער, קיינער זעט אונדז דאָ נישט, קיינער וועט נישט וויסן—״
„אָבער גאָט אין הימל זעט אונדז... טו מיר גאָרנישט, ביטע.״

יאָ, ער האָט געזען — ווייל ס׳האָט אַ הילך געטאָן אַ דונער,
און דער הימל האָט מיט שווערע כמאַרעס זיך פאַרצויגן.
איך האָב דיך פאַרלוירן, נאָר כ׳האָב דיך צוריק געפונען,
אַ געכאַפּטע צאַפּלענדיקע אינד — אין דיינע אויגן.

ס׳האָט אַ בליץ געטאָן, און באַלד דערנאָך — אַ דונער־פּלאַקער,
און אַ צווייטער בליץ איז אונדז צופוסנס אויסגעגאַנגען —
און אַ שרעק פון יענער וועלט האָט אונדז דאָס האַרץ צעאַקערט,
און האָט אונדז פאַרשניטן, ווי ס׳פאַרשניידט אַ קאָסע זאַנגען.

איך האָב דיך געהאַלדזט און דו האָסט מיך אַרומגענומען —
ביידע האָבן מיר געזוכט אין אונדזער שרעק אַנטרינונג.

היינט באַנעם איך גוט, פאַר וואָס דער שטורעם איז געקומען.
עמעצער האָט אים געשיקט צעמישן מיר דעם זינען.

אין שטיין

פאַר נאַכט.
אַ שטיין
האָט מיר פאַרשטעלט דעם וועג.
עפּעס מוז דאָך זיין דערין,
וואָס ער לאָזט מיך נישט ווייטער גיין.

האָב איך פאַרהאַלטן מיינע שפּרייז —
און ביסלעכווייז
האָט מיר דער שטיין געעפנט אַ שפּעלטל,
און מיך אַריינגעלאָזט אין האַרץ צו זיך,
אין זיינע־מיינע וועלטן...

כ׳בין שטיינגעבליבן לעבן אַ גלעזערנעם טייך,
און אַ קליינע לבנה איז אין אים געלעגן פאַרפרוירן.
אַזוי ווערן לבנות געבוירן.

און אַרום דער לבנה —
וואָלקנדלעך בלישטשענדיקע, קליינע,
וואָס מע קען אין זיי אותיות לייענען,
אָבער נאָר מיט די ליפּן פון די הענט,
וויל פונעם בלישטש
קען די ראיה ווערן אויסגעברענט.

און דאָס פידעלע איז דאָרט געווען,
וואָס כ׳האָב עס אָנגעוואוירן, שוין לאַנג,
און איך ווייס נישט וואו.
איך ווייס נאָר,
אַז זינט דעמאָלט גייט מיר נאָך זיין ווידערקלאַנג,
און מיין האַרץ איז דערפון קראַנק
און געפינט זיך נישט קיין רו.

און כ׳האָב געזען:
דאָס בלימעלע וואַקסט נאָך,
(ווי אין מיין חלום),
וואָס כ׳האָב עס קינדווייז אָפּגעריסן —
און זיין בלוט
גיסט זיך מיר נאָך היינט איבער די פינגער.
פון אָט דער שרעק
האָב איך דעמאָלט אָנגעהויבן וויינען־זינגען,
ווי אַ באַנומענער.

און כ'האָב געזען די שוואַלב אין פעלד,
אַ צוריקגעקומענע,
וואָס כ'האָב מיט איר אַ מאָל חתונה געהאַט
אונטער אַ צעזוניקטן סאָנעשניק־בלאַט —
און זי איז באַלד אַוועק ערגעץ אין עק וועלט.

און אויך די זון,
וואָס כ'האָב זי אַ מאָל, קינדווייז, פאַרנאַרט
אין אַ שפּליטער גלאָז —
נאָר אויפן וועג אַהיים
האָב איך זי פאַרלוירן אין גראָז.

און אַ קעצעלע האָט זיך געלאַסטשעט ביי מיינע פיס.
אַ רגע איז מיר געוואָרן זיס.
דער שטיין האָט זיך אין גאַנצן פאַרמאַכט —
און איך האָב מיר געטראַכט:
אוי, קען זיין,
ווער ווייסט —
אפשר האָט דאָ עמעץ פאַר מיר
אַ וואָרט טרייסט,
אפשר — אַ נחתדיק שטיקל ברויט,
און אפשר — דעם געגאַרטן טויט.

ח ל ו ם

דורך פאַרדרייטע קאָרידאָרן
ציט מיך צום אַ נעפּל־פּאַלאַץ.
כ'האָב צום אים אַ שליסל,
וואָס ר'איז אינעם טאָג־געטומל נישט געוואָרן.

קומט דער חלום,
ווער איך אין אים וואַכיק —
מיינע טראַכטענישן נעמען שעמערירן
ווי אַ רעגן־בויגן, זיבנפאַכיק.

קלאַנגען ווייטע
קלינגען אָפּ ביי מיר אין אויער,
און סע ווייזן זיך מיר ווייסע אינדן,
איך זאָל אויף זיי רייטן.

אָדם הראשונס לוויה

מ׳האָט נישט געהערט קיין מינדסט געוויין
ביי אָדם הראשונס לוויה —
דער שאָטן הבלס איז נאָכגעגאַן,
און קין, געבויגן אין דרייען.

און חווה איז נאָכגעגאַנגען שטום,
פון צערן איבערגעפרוירן.
שוין אויסגעוויינט ביז דער לעצטער טרער
אויף דעם, וואָס ז׳האָט אָנגעוואוירן.

אַ בריוו איז אַוועק צו קינען,
קיין נוד, אין ווייטן וואָגל:
„אַ פינצטערע בשורה, קין, מיין קינד,
דאַרף מיין איצטיקער בריוו צו דיר טראָגן.״

אַזוי האָט געשריבן חווה דעם זון,
און נישט אויפגעהערט צו כליפען —
און די זאַלציקע טרערן אָפּגעלעקט
פון אירע צעלעכצטע ליפּן.

„זיי וויסן, דער טאַטע איז שוין נישטאָ —
מיין מאַן, מיין נאָמען־געבער.
איך בין אים געווען אַ צוגעלאָזט ווייב,
אַ ריפּ וואָס לעבן דער לעבער.

נאָר איך בין אים נישט ווערט געווען,
כ׳בין נישט מער ווי אַ חווה — אַ חיה.
לייג אַלץ אַוועק און שפּאַן איין דעם אָקס
און קום צום טאַטנס לוויה.

פאַר שטיינער האָב קיין מורא נישט,
אויך נישט פאַר קיין מיאוסע מיילער,
קין, מיין קינד, פאַרלאָז דיך אויף מיר —
איך בין דאָך דיין מאַמע דערוויל נאָך.

אַוודאי, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן —
ווי קען מען עס גאָר פאַרגעסן ?
צום טאַטנס לוויה, קין, מיין בכור,
זאָלסטו תיכף קומען פון דעסן.

דו ווייסט סאַראַ טאַטן דו האָסט געהאַט,
אויב דו ווייסט נישט, דאַרפסטו עס וויסן.
נישט מער, ער האָט ליב געהאַט אַ מאָל
אַן איבעריקן ביסן.

כ׳האָב מורא, דערפון איז געקומען די בראָך —
און אויף מיר איז אַראָפּ גאָטס צאָרן —
זיך איבערגעגעסן מיט רויען שויט,
און איז באַלד פאַרביי געוואָרן.

האָט אַ שכנה געזאָגט, אַז בופלמילך
איז אַ סגולה צום טאַטנס מאָגן —
האָב איך אָפּגעבלאָנקעט צוויי טעג אין די בערג
און געברענגט די מילך צו טראָגן.

כ׳האָב געכאַפּט אַ ווילדע בופלקו
אויף אַ באַרג, שוין אין אַ וואָלקן,
און זיך געבאָרעט מיט איר אַ טאָג —
נאָר כ׳האָב זי אויסגעמאָלקן.

וואָס האָב איך דערפון ? ס׳איז געווען צו שפּעט
מיט אַ טאָג, און אפשר מיט צווייען ;
כ׳בין נאָר אַריין אין דער אוליצע,
און נישט געהערט קיין געשרייען —

האָב איך באַלד פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט,
אַז פינצטער איז מיר מיין לעבן.
כ׳האָב געמיינט, כ׳על אייביק היטן ביי מיר
דעם אוצר, וואָס מ׳האָט מיר געגעבן.

מיך געטראָפן אַ דונער אין מיטן טאָג.
איך שריי, נאָר ווער זאָל מיך הערן ?
איך האַלט אַ ברעקל קינד ביי דער ברוסט —
און נישטאָ זיך וואוהין צו קערן.

איך האָב נישט איצטער מער ווי דיך,
אין נוד, אין פאַרוואָגלטע ווייטן —
אַלסטו קומען צום טאַטנס לוויה באַלד,
ווייל ס'עט זיין אַ בושה פאַר לייטן.

דערנאָך וועל איך, קינד מיינס, אַוועק מיט דיר —
איך האָב דיך דען פאַרשטויסן?
איך שריי, אַז לויט דער גרייס פון דיין זינד
איז די שטראָף דיינע צו אַ גרויסע.

האָסט אפשר אַליין נישט געוואוסט וואָס דו טוסט —
דיך אַרויסגעבערעגגט פון די כלים.
אוי, דאָס וואָס איך טראַכט די גאַנצע צייט —
דאָס טאָר איך נישט קיינעם דערציילן.

און איצט בין איך עלנטער פון אַ שטיין,
איך האָב שוין מער נישט קיין טרערן.
איך וויל אַוועק מיט דיר קיין נוד —
וועט מיר אפשר גרינגער ווערן.

איך בין אַ געשלאָגן, עלנט מענטש,
די ערשטע וויסטע אלמנה,
און איך טראָג צוויי שלייערן פינצטערע
אויף מיין פאַראומערט פנים.״

מ'האָט נישט געהערט קיין מינדסט געוויין
ביי אָדם הראשונס לוויה;
דער שאָטן פון הבלען איז נאָכגעגאַן,
און קין, געבויגן אין דרייען.

און חוה איז נאָכגעגאַנגען שטום,
פון צערן איבערגעפרוירן.
שוין אויסגעווייגט ביז דער לעצטער טרער
אויף דעם וואָס ז'האָט אָנגעוואוירן.

דימיטרי

אקעגן אַ פאַרצייטישדיקן פּאַלאַץ מיט אַ הויף —
פאַר די פאַראַבקעס און פאַר זייערע געזינדן —
וואו עטלעכענע וועגן קומען זיך צונויף —
דאָרט שטייט אַ קאַפּליצע, מיט יעזוסן — אויף ליכט צו צינדן.

ס׳איז אויפן וועג קיין בודינעץ, אַראָפּ אַ שליאַך —
מע זעט די קאַפּליצע פון ווייטנס.
„דאָרט ליגט דער פריץ — ר׳האָט געירשעט אוצרות זייער אַ סך,”
און מ׳האָט נישט אויפגעהערט דערפון זיך שושקען צווישן לייטן.

ער האָט פאַרבראַכט די יאָרן אין פאַריז,
מ׳האָט וואויל געוואוסט: אין דאָרטיקע באָרדעלן.
נאָר איין מאָל אין אַ יאָר, ר׳איז קוים געשטאַנען אויף די פיס —
איז ער אַהיימגעקומען זיך צום מיליטער צו שטעלן.

„צעטרענצלסט די ירושה אין דער פרעמד —
די בושה דיינע וואו איז?
וועסט בלייבן אָן געזונט און אָן אַ העמד —
אין צווייען עסן זיי דיך אויף: דאָס שיכרות און די לועס.”

„צום שוואַרצן יאָר — וואָס רעדט איר מיר פון בושה, וואָס?
דער שיינער טאַטע מיינער האָט געהאַט נישט אין מעטרעסע.
דערפון האָט אים געפוילט די שיינע נאָז —
און מיין מאַמיקאַ האָט די חרפה אויפגעגעסן.”

„דימיטרי” — פלעגן קרובים זיך פאַרגיין —
וואָס טוסטו, וואָס, מיט דיין עשירות, דער ירושה?
ווען ס׳זאָל דיין טאַטע איצטער לעבן דיר דאָ שטיין — ”
„נו, וואָלט איך אים געזאָגט: ער מעג מיך קושן...”

נאָר ווען ר׳האָט שוין דערפילט זיין לעצטע שעה — ער צאַנקט
האָט ער צונויפגערופן אַלע זיינע זונות,
און צווישן זיי פאַרטיילט זיין גאַנץ פאַרמעג, און זיי געדאַנקט
וואָס ז׳האָבן אים געלאָזט אין זייערע באָרדעלן וואוינען.

אַ קליינעם חלק האָט ער אויך געלאָזט,
מע זאָל אַ קאַפּליצעביים קבר זיינעם שטעלן.
„דאָס יעזוס־בילד זאָל זיין פון האָלץ, נישט אָפּגעגילדט, נאָר פּראָסט.
און צינדט פאַר מיין נשמה ליכטלעך — די וואָס וועלן וועלן.

דאָס גלעקל פון דער קאַפּליצע — נישט רירט עס אָן.
ביים זונפאַרגיין וועט עס דער אָוונטווינט באַרירן —
וועל איך דערזען: די שקיעה לעשט זיך שפּאַן נאָך שפּאַן,
ווי ס'האָבן זיך געלאָשן מיינע בלוטקאָלירן.

אַדיע, געטרייאינקע, איך גיי פון איך אַוועק —
נאָר גלייבט מיר: כ'וואָלט איך אַלע מיטגענומען,
איר קוקט אויף מיר מיט ליבשאַפט, אָן אַ טראָפּן שרעק —
פאַרשטיי איך: איר וועט צו מיר קומען, אַז די צייט וועט קומען.

לאַ רעוועדערע, גוטע פריינד, און אַ רעוואואַר —
כ'האָב אָפּגעהוליעט מיינס, און קיינעם נישט פאַרשאַפט קיין שאָדן,
נאָר טאָמער פאַרט געפינט זיך עמעצער, אַ נאַר,
וואָס האָט אַ טענה, — רוף איך אים צו גאָט, זיך מיט מיר לאָדן."

כ'פלעג דורכגיין לעבן קבר און כ'פלעג בלייבן שטיין פאַרקלערט:
„דו, וואַגאַבונד, דו איידלער, קראַנקער דיכטער —
אַ יונגער בוים ביסטו אַריין אין דר'ערד,
און ביזן לעצטן אָטעמצי — נישט ניכטער.

„איך טו נישט קיינעמען קיין בייז — "
אַזוי האָסטו נישט איין מאָל זיך פאַרטיידיקט —
„איך טו נאָר וואָס דער גוטער טייוול אין מיר הייסט — "
און האָסט די גלעזלעך איינס נאָך איינסן אויסגעליידיקט.

קען זיין, דו ווייסט אַצינד דעם גאַנצן סוד,
וואָס גוט איז, וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר נישט.
קען זיין, דו זיצסט איצט צו דער רעכטער האַנט פון גאָט —
די קאַפּליצע מיט יעזוסן דערציילן אָבער גאָרנישט.

נישט יעזוס, נישט די קאַפּליצע, און אויכעט נישט
די בלעטער פון דיין פאָלקס ליטעראַטור־געשיכטע.
האָב איך, אַ יידישער פּאָעט, אַ ביסל אָפּגעווישט
דעם שטויב, וואָס אויף דיין נאָמען, איידלער קראַנקער דיכטער.

איך וואַנדער אַ פאַרטראַכטער אין דער שטיל
(אַ מתנה דר. גיזעלאַ בעהם)

איך וואַנדער אַ פאַרטראַכטער אין דער שטיל
פון אַ געדיכטן וואַלד.
איך וויל אין אים פאַרלוירן גיין, פאַרזינקען.
איך טוליע מיינע גלידער צו דער שטיל,
ווי צון אַ ליב געשטאַלט —
זי גיט מיר אויף אַ רגע טרייסט צו טרינקען.

אַ פליגל טראָגט מיך שטיל ביז טיף אין וואַלד
און לייגט מיך שטיל אַוועק
דער שטיל אין שויס אַריין, זי זאָל נישט הערן.
אָ, זאָג מיר, שטילע שטיל אין טיפן וואַלד,
צי ערגעץ האָט אַ ברעג,
צי האָט אַ דנאָ דער קוואַל פון מיינע טרערן.

די שטיל, וואָס איז געהאַט פון מיר אַוועק,
האָט שטיל זיך אומגעקערט,
און כ׳האָב געהערט איר קול, ווי שטילע טראָפּנס:
די טרערן וועלן ערגעץ ווען אַוועק —
און ערגעץ אויף דער ערד
שוין וואַרט דער שטילסטער שטיין — פאַר דיין צוקאָפּנס.

איך קוק אַרויס צו די ווייטן

איך קוק אַרויס צו די ווייטן
דורך פענצטער פאַרלאָפענע פיר —
דערזע איך, נעמט זיך מיר דאַכטן:
מע נענטערט זיך צון אַ טיר...

די טיר, די טיר דערקען איך —
העט דעמאָלט און העט דאָרט —
אין דער קעשענע פונעם זיכרון
אַן אָרעם ליכטיק אָרט.

אַ דאַרער יונגערמאַנטשיק,
אין דראָטן פאַרפּלאָנטערט, פאַרדרייט —
סע ווערט אין גאַס אַ שימחה,
אַז דער דראָטאָווניק גייט.

ער דראָטעוועט וואָס מע גיט אים,
דער עיקר: צעשפּאָלטענע טעפּ;
ער זעצט זיך צו דער עבודה
אין דרויסן, אויף די טרעפּ.

און דאָ, אויף די טרעפּ, וועט ער עסן
דאָס ברויט, וואָס מע צאָלט אים דערמיט —
און אַוועק אין אַ צווייטן יישוב
מיט שטילע, דינע טריט.

איך זע אינעם ווייטן דראָטאָוניק
מיין לאַנג פאַרשפּילטע וועלט —
געוואָלט דאָ עפּעס פאַרריכטן,
נאָר זיך צום נאַר געשטעלט.

די שווערע לידער־טאָרבע,
וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט —
כ׳האָב באַצאָלט מיט פולן זילבער,
און באַקומען געקירצטע יאָר.

די שווערע לידער־טאָרבע
איז אַלט און לעכעריק.
כ׳האָב צו פיל אָנגעקליבן
צו מיר אין זשעדנעם בליק.

כ׳וואָלט אַלץ אַוועקגעשאָנקען
און געלאָזט ווי פּאַלאָווע אין ווינט —
אַבי כ׳זאָל נאָר קענען באַנעמען
די צערן פון מיין קינד.

איך קוק אַרויס צו די ווייטן
דורך פענצטער פאַרלאָפענע פיר —
דערזע איך, נעמט זיך מיר דאַכטן:
מע נענטערט זיך צון אַ טיר...

פּאַרביקע שטיינדעלעך גלאָז

אַ זילבערנע פּערל
איז אַראָפּגעפּאַלן פון די שטערן —
אין אַ טייך נישט ווייט פון מיר,
ממש לעבן מיין טיר.
האָב איך זי געוואָלט כאַפּן אין דער נעץ פון מיין שורה.
אָבער אַז כ׳האָב די נעץ געוואָרפן,
איז געוואָרן אַ בורע —
און כ׳האָב אַרויסגעצויגן
פּאַרביקע שטיינדעלעך גלאָז —
אין אַ נעץ פול מיט ריסן.
האָב איך אַראָפּגעלאָזט די אויגן
און די נאָז,
און כ׳האָב מיר די ליפּן צעביסן.

נאָר די שטיינדעלעך האָבן צו מיר געוואונקען:
אַזאַ חכם ווי דו האָט געמעגט וויסן,
אַז אַ שטיינדל, אַ ביינדל, אַ שלענגל, אַ קראָט.
אַ ציבלקעלע, אַ ביסל זאַלץ —
איין גאָט
האָט באַשאַפן אַלץ, אַלץ, אַלץ.

אויף אַ וואַלקן

ערגעץ אויף אַ וואָלקן
ליגט אַ פּאַסטעכל און פּייפלט —
נישט לנוי, סתם אַזוי,
נאָר מיט געוויין.
אָבער מע הערט נישט, אַז סע טוט נישט ווי
אַליין.

און אַז די קלאַנגען קומען אַרויס קלאָר און שיין —
קרישלט זיך אָפּ אַ שטיקל פונעם וואָלקן,
קריש נאָך קריש —
און וואָס דער סוף וועט זיין, ווייסט מען נישט.

טראַכט דאָס פּאַסטעכל אַריין:
סע קען זיין, פּונקט ווי סע קען נ י ש ט זיין.

אַז ווען אַלץ וועט נעמען אַן ענד,
וועלן אים אויפכאַפּן צוויי הענט —
די הענט פון גאָט,
אָדער די הענט פון דער מאַמען,
אָדערביידע צוזאַמען —
און אַזוי וועט ער צוקומען צום ים,
צום ים פון אַלע ימען,
וואָס איז אייביק ווייט,
און ס׳איז דאָרט נישטאָ קיין ברעג צו דער צייט.

מיטן שכל,
דעם קריכער,
דעם קראַט,
גריבלט ער זיך אין אָט דעם סוד,
ער וויל אַלץ דערגיין אויף זיכער.
אָבער וויפל ער זאָל נישט דערגרייכן
בלייבט ער מיט אַ לאַנגער צונג,
און מיט ביטערקייט אין שלונג.

מיט לבנה־פעדעם, וואָס טרעפקען זיך,
בינדט ער זיך צו צום וואָלקנברעג —
אָבער וואוהין ער זאָל נישט קוקן,
באַפאַלט אים אַ שרעק.
דערזעט ער פון ווייט,
ווי די גאָלדענע פּאַווע פליט אים אַקעגן
פון יענער זייט,
וואו זי איז אים פאַרפאַלן געוואָרן
אונטער וועגנס,
אין אַ טאָל פון צער און צאָרן.

נעמט זיין געפייפל ריזלען
לינדער פון לינד.
אָבער דער וואָלקן שוועבט און שווינדט.
קוקט ער זיך אום, צי וועט עמעצער אים זאָגן —
מילא, וויפל דער וואָלקן וועט שוין טראָגן —
אָבער אַז די לבנה־פעדעם וועלן צערונען ווערן —
וועט כאָטש עמעצער נאָך זיין געפייפל גיסן טרערן?

וואָס צערעוועןן די שטערן?

וואָס צערעוועןן די שטערן
פון בלאָע פעדעם זייד?
אין וועג אַריין אַ וויגל —
איך פלי אַוועק העט ווייט...

איך מוז אַוועק פון דאַנען,
פון דאַנען און פון מיר.
דאָס בלאָע שטערנוויגל
וועט וואַרטן פאַר מיין טיר.

דער טאָג וועט סוף־סוף קומען,
און אפשר פריער נאָך.
איך ווייס, וואָס ס'שטייט געשריבן—
סע שטייט: הנשמה לך.

נישטאָ אויף וואָס צו קלאָגן,
געווען אַזוי דער תנאי
צעווישן שיינע צדדים —
איך בין געווען דערביי.

איך טאָר מיט מיר נישט פירן
פאַר קיינעם קיין געשאַנק —
בלויז וואָס איך קען פאַרלאָדן
אין ערלעכן געדאַנק:

אַ זאַנגענפעלד, וואָס וויגט זיך
פאַר נאָכט — די זון פאַרגייט.
אַ פאַסטעך, וואָס איז עלנט,
און יאָמערט אויף זיין פלייט.

אַ קרוג מיט שטילער בענקשאַפט,
וואָס האַלט ביים איבערגיין;
אַ בלאָע שעה פון חסד,
וואָס עפנט מיין געוויין.

אַ מײדעלע, װאָס פירט מיך
און האַלט מיר שטײף די האַנט,
און טאַטע־מאַמעס װערטער
אין האַרצן אויף דער װאַנט.

די פײן, װאָס האָט געפונען
דעם װעג צו מיר אין הויז;
די פרײד, װאָס איז אַנטלאָפן,
װען כ׳בין צון איר אַרויס...

און שאָטנס פון פאַרנאַכטן —
דאָס גאָט־געבענטשטע אָרט;
און צװײ, דרײ לידערצװײגן —
מיט פּירות דאָ און דאָרט.

מײן װיג, װאָס איז געװאָרן
אַ חרובדיקער שטײן — — —
איך װעל אַ סך נאָך נעמען,
און אַלץ נאָר זיך אַלײן...

די אויגן פליען װי שװאַלבן אַװעק

די אויגן פליען װי שװאַלבן אַװעק
צום טײך פון מײנע זיכרונות —
און שטעלן זיך דאָרט אויפן גרינעם ברעג,
װאו מײן גרינער חלום פלעג װאוינען.

ער האָט דאָרט געװאױנט אין אַ בידנעם פּאַלײ,
װאָס אַ ליכטיקער שאָטן באַשירעמט.
די אויגן קומען װי שװאַלבן צװײ,
און פליען אַרום די טירן.

זײ פליען אַרום און האָרכן זיך אײן —
אין די פליגל ציטערט דער אומעט —;
זאָל דאָס דער בידנער פּאַלאַץ זײן,
װאָס אַהער באַדאַרפן מיר קומען?

די פענצטער שטייען פאַרגליווערט בלינד,
די טירן — פאַרדימיונט אָפן.
געוועזן דאָ אַ פייער, געהאַלדזט מיט ווינט —
נישטאָ מער אויף וואָס צו האָפן.

די שוואַלבן פליען אַריין און אַרויס,
אויך די פענצטער און טירן — אין פלאַטער.
זיי ווייסן: ס'איז מיראַזשן בלויז,
נאָר זיי ווערן נישט איינגעמאַטערט.

זיי שטעלן זיך רועןן אָנהייב נאַכט,
און אַז ס'הייבט אָן צו בלויען —
צעשפרייטן זייווידער די פליגלפראַכט,
און קומען — מיט שנעבעלעך טרויער.

מיין פסים־העמדל ברענגען זיי מיט,
וואָס דורות האָבן געהאָפטן.
„דערקען דאָס העמדל, שניט אויף שניט,
וואָס מיר האָבן אין בלאָטע געטראָפן."

און זיי פאַרשפרייטן איבער מיין טיש
צעפליקטע שטיקער פעכער —
מיין העמדל פון געדעכעניש,
פון מעסערס דורכגעלעכערט.

איך עפן מיר אַ שטעלכל

איך עפן מיר אַ שטעלכל
מיט מיינע קליינינקייטן —
איך לייג דאָרט אויס מיין סחורה,
אויף ציכלעך ווייס פאַרשפרייטע.

איך זוך אַ היימיש געסל,
וואָס ווייטער פון באַזאַרן:
— מיין סחורה איז אָן חכמות
איך וויל נישט קיינעם נאַרן.

וואָס כ׳האָב דאָרט פאַר אַ סחורה?
אוי, וואָס האָב איך דען נישט דאָרט?
אַ קונה גיט צו לייזן,
אַ גאָרנישט שטייט און נישטערט.

איך שלעפּ נישט ביי קיין פּאָלע —
אַן אַנדערער לאָז האַנדלען.
מיין סחורה אָבער שמעקט נאָך
מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען.

איך מסחר מיט קיין גאָלד נישט,
און נישט מיט קיין אַנטיקן.
סע טרעפט — מע טרעפט אַ חפץ,
וואָס קען דאָס האַרץ דערקוויקן.

און קופּערמינץ קען סטייען —
מע דאַרף נישט שפּעגעלירן.
דער עיקר: ס׳זאָל געפעלן,
און אויך — סע זאָל זיך פירן.

וואָס טו איך אין די שעהען
פון קונה ביזקל קונה?
איך זיץ און כ׳האָב ביטחון —
און טראַכט מיר: יבוא יונה...

און כ׳האַלט אַ תהילים אָפן,
און שעפּטשע זיינע ווערטער —
אַ דאַנקלויב דער השגחה
פאַר דעם, וואָס זי באַשערט מיר.

אַ דיכטער — אַ שמאַטע

כ׳האָב אויפגעשטעלט דעם טשייניק,
איך שטאַרב — אַ גלעזל טיי — — —
כ׳האָב קינדוויז געמאַטערט אַ קעצל,
איז טוט עס מיר היינט נאָך וויי.

ווי אַזוי כ׳האָב דאָס קעצל געמאַטערט ?
אוי, בעסער פרעגט מיך נישט מער,
געוואָרפן עס אַלץ אין דער לופטן —
נאָר ס׳האָט עס געצויגן צו דר׳ערד.

די שפּיל האָט זיך אויסגעלאָזט טראַגיש —
און נישט פאַרן קעצל בלויז.
דאָס קעצל איז שוין זינט דעמאָלט
פון מיר, פון מיין האַרץ נישט אַרויס.

אַז איך זעץ מיך אַוועק געמיטלעך
מיט אַ גלעזל טיי, צי אַ בוך —
דערזע איך באַלד דאָס קעצל,
און ס׳עס גייט מיר איבער אַ סקרוך.

סע מעג זיין, לאָמיר זאָגן, בובער,
צי ראָזנצווייג אַליין —
אַ ווייטיק, וואָס וואַקסט פון אַ בושה,
קען קיין מאָל, ווייזט אויס, נישט פאַרגיין.

דער ווייטיק, וואָס יענער פאַרשאַפט דיר,
איז גאָרנישט אַזאַ קלאָג,
ווי ווען דו אַליין באַפאַלסט דיך
אין מיטן העלן טאָג.

דער טאָג איז שוין ווייט פאַרפלויגן,
אַ נעפּל וויקלט אים איין,
אַזוי ווי אַ שווערע קאָלדרע —
נאָר ער פילט מיך נאָך אָן מיט פּיין.

ס׳איז אפשר אַ העזה צו שרייבן
וועגן קעצעלעך היינט און אַצינד,
ווען דאָס וואַסער איז בלוט, ווי׳ן מצרים,
און מיט טויט־סם איז פול דער ווינט.

איז זייט זשע מיר טויזנט מאָל מוחל,
איך האָב נישט געמיינט קיין בייז.
נו, ביז איך אַ דיכטער — אַ שמאַטע,
מיין ליד איז א קעצל די גרייס.

דר. נאָרמאַן בעטיון

ער איז דער אמתר סאַנקט באַניפאַץ.
די ליבשאַפט צום גערדיקטן ט׳אים פאַרברענט.
ר׳האָט אים דערלאַנגט זיין האַרץ ווי אויף אַ טאַץ,
און הייליקייט געטאָן מיט זיינע הענט.

איך נעם די אָרעאָלן־קרענץ צונויף
פון אַלע הייליקע, וואָס ביז אַצינד,
און כ׳לייג זיי אַלע אויף זיין קאָפּ אַרויף —
נאָר באַלד צעטראָגט זיי ערגעץ ווייט דער ווינט...

ער דאַרף קיין הימנע נישט און נישט קיין לויב,
און נישט קיין אָרעאָל און נישט קיין פאָן —
דאָס איז אין זיין גרויס איידלקייט נאָר שטויב.
אַ נייעם שבט מענטשן הייבט ער אָן.

מיט ריטעם און מיט גראַם

געקומען אַ גראַם,
און זיך געלייגט צו מיינע פיס
ווי אַ גוטע לאַם.
איינע האָט גערופן די צווייטע,
און אַלע האָבן מיך געבעטן מיט די אויגן:
מיר זענען אָנגעברייטע.
און דער ריטעם האָט געקלאַפּט ווי אַ זייגער,
וואָס איז גוט אָנגעצויגן:
קליפּ — קלאַפּ — קליפּ — קלאַפּ...
די גראַמען זענען שוין געשטאַנען
ווי סלופּיקלעך
ביים סוף פון איטלעכער שורה, און געהיט:
קיינער וועט נישט אַנטלויפן פון דאַנען!
און דער ריטעם האָט געזאָגט:
גיי גלייך, ווי אַ סאָלדאַט —
דו מוזסט!

פלוצעם איז מיך באַפֿאַלן אַ רוח־שטות:
אַזוי שרייבט מען היינט אַ ליד?
דער ריטעם זעט אויס ווי געשטעפּ, ווי געשטעך,
און די גראַמען — ווי געקרייזלטע וואָלקנדלעך.
די וועלט, די צעריסענע — די צעפּליקטע,
איז פול מיט אַזוי פיל צערן.
איטלעכן טאָג קומען נייע רציחות צו,
און דו —
ווי סע זאָל דיך נישט אָנהייבן צו האַרן...

כ׳האָב צעריסן דאָס ליד, אויף לאָקשן און אויף פאַרפל —
כ׳וויל נישט, אַז מע זאָל עס
מיט
ריטעם און
מיט
גראַם
אין די מיסטן וואַרפן...

א י ך מ י ש

איך מיש אויס אַ גלאָז מיט מוזיקאַלישע פאַרבן.
און אַז דער קאָליר פון די טענער געפעלט מיר,
לאָז איך עס ווערן מיט אַ צוויי, דריי טעג עלטער —
און איך נעם מיר דערמיט דעם גאָרגל שווענקען —
דאָס העלפט צום זינגען.
דערנאָך הייב איך עס אָן צו שלינגען.
נישקשה, מע קען דערפון נישט שטאַרבן,
מע קען נאָר דערפון אַ גאַנץ לעבן קרענקען.

און פון געדאַנקען־טראַנטעס,
וואָס טאַלעפען זיך אין זינען,
וואַקסט די לידער־פּאַוועטיניע.
אָבער אין פאַרבלענדטקייט מיין איך: אָט אַ קאַנטוס!
אָט אַ מיזמור פונעם לאַנד פון די מיזמורים!
איך פאַרמאָג פכאַשעם די אמתדיקע סחורה!...

אייטערפּע

— א —

די לידער קומען נישט צו מיר
אַזוי ווי שטיינער, וואָס וואַלגערן זיך
אַראָפּ אַ באַרג.
איך שטיי און האָרעווע און שניץ,
איך אַרבעט מיט מאַיאָוועער היץ
ביז טיף אין דער נאַכט אַריין —
און וואָס איך פורעם אויס, איז אָרעמלעך און קאַרג,
נאָר ס׳איז מיינס.

— ב —

איך פיר די פען
איבער די ליכטיקע שויבן פון דער שפּראַך,
אַזוי ווי אַ גלעזער פירט דאָס דימענטל איבער גלאָז.
איך וויל אויסשניידן די שטילסטע ווערטער
און זיי האַלטן אין מיינע פיר איילן עלנטקייט
אונטערן שאָטן פון מיין דאַך.
די שטילע רייד
עפּענען פענצטערלעך חלום
אין מיינע פיר ווענט,
און באַזעצן מיך עפּעס ווי אין אַ פּאַלאַץ,
וואָס ער איז נישטאָ, נאָר איך מאָל אים.

בלויז אין אַ שעה פון גרויס חסד
קומען די שורות ווי ליכטיקע סטרונעס רעגן.
זיי פליטערן אַ רגע
איינע לעבן די צווייטע —
מיין שמייכל ווערט דערפון פאַרטרערט,
און מיין געלייגטקייט דערפרייט זיך.

— ג —

דאָס דימענטל, געוויינטלעך, דאַרף מען שאַרפן,
איך זוך דאָך דאָס שטילסטע וואָרט.
טייל מאָל דאַכט זיך מיר: אָט דאָרט,
אָט דאָרטן —
פונקט דאָס וואָרט, וואָס איך באַדאַרף עס.
איך ווער דערצו צוגעצאַפּלט —
איך כאַפּ דאָס דימענטל און איך פאַליר עס,

אָבער פון מיין גרויס צאַפּלעניש
לעשט זיך אויס דאָס וואָרט, און
איך פאַרליר עס.

— ד —

איך מעלק נישט די לבנה ביי דער פולער אייטער
נאָך אַ טעמע.
ווי אין אַ שאַכט
לאָז איך מיך אַראָפּ אין מיר, און נאָך ווייטער,
און איך נעם וואָס ס׳עו וואַרט איך זאָל עס קומען נעמען.
ס׳איז דאָרט ליכטיק פינצטער ווי אין אַ נאַכט
ווען די וואָלקנס גייען,
און ווען שטערנדלעך בלאָנדזשען אַרויס פון זייערע רייען.

— ה —

איך וואַרף נישט די גראַמען,
ווי אַ פּאַיאַץ אין אַ צירק קאָלירנדיקע רייפן.
(מאָלט אייך: וואַרפן רייפן דאַרף מען אויכעט קאָנען.)
דער גראַם איז אַ ליכטל,
וואָס קומט פון ערגעץ צו גיין.
זייער שיין.
אָבער די ליכטלעך ווערן אַ מאָל לאַמפּיאָנען,
וואָס צינדן זיך אָן אַליין
צו גיך און צו פרי,
און זיי נעמען קלימפּערן צו מאָל,
אַזוי ווי גלעקער אויף די העלדזער פון קי
אין אַ פּאַשעטאָל.

דאָס אייגענע — דער ריטעם.
ער דאַרף זיך כוואַליען,
ווי אין אַ שטילן טייך די כוואַליעסרינגען —
אָבער ער נעמט טייל מאָל האַקן ווי שטומפּיקע העק,
אַזש איך לויף פון מיר אַליין אַוועק מיט שרעק.

— ו —

אייטערפּע,
אַוודאי, מיט דיר איז מיר גרינגער,
אָבער כ׳האָב פון דיר געַנוג צו טערפּען.
האָסט מיר טאַקע אַ סך לאַסקעס באַשערט,
נאָך איך פאַרשעלט מיר צוליב דיר דאָס לעבן אויף דער ערד.

בין־השמשות־מאָטיוו

דער בין־השמשות איז אַ בלאָע לירע —
ער וויל, איך זאָל אויף זיינע סטרונעס מיינע פינגער פירן.

דער שטיין אין פעלד ווערט ווייך מיט מאָך — ער איז מיין קישן,
איך זעץ מיך צו אויף אים, די אַנגסטן מיר צו ווישן.

די שקיעה פלאַקערט ווי אַ פייער־רויטע העסע.
איך שווים אין דער פאַרנאַכטיקייט, איך זאָל דעם טאָג פאַרגעסן.

אין מיינע גלידער שפּילן דורות־אַלטע וויינען —
איך הער זיי מערער, ווען דער בין־השמשות הייבט אָן שיינען.

פון ערגעץ אין געדעכעניש הייבט אָן אַ קנויט צו טליען,
ער טליעט ביז ער כאַפּט אַ פונק און נעמט מיך בריען.

דער טרויער שלייכט זיך צו צו מיר, איך קען גאָר נישט אַנטרינען.
אין מיטן אַ געזעמל פרייד וועט ער מיך אויך געפינען.

אין מיטן אַ געזעמל פרייד, ווער שמועסט אין פאַרנאַכטן,
ווען ס'קומט צו מיר די בענקעניש, די אויסגעלאַכטע.

זי קומט צו מיר און וויזט מיר אַז זי טרויערט.
איך נעם זי תמיד הייס אַרום אין בין־השמשות־בלויען.

מיר האַלדזן זיך בשעת מיר קוקן אויף דער שקיעה —
די פלאַמענשטראָמען נעמען אונדז די אויגן בריען...

אונדז דאַכט זיך, אַז ס'איז ימען בלוט, נישט אַנדערש,
זיי האָבן שוין פאַרגאָסן אַלע מערב־ראַנדן.

אויף יענע זייטן דעמער טוט מען עפּעס גרויליקס —
די שקיעה שפּיגלט עס, זי קען עס נישט פאַרהוילן.

איך פיר די פינגער אויף פאַרנאַכטנדיקע סטרונעס,
איך האָב קיין פּאַסיקן אַקאָרד דערווייל נאָך נישט געפונען

כ׳האָב נישט געפונען, נאָר כ׳על אפשר נאָך געפינען —
זאָל נאָר דער טרויער נישט צעוואַרפן מיר מיין זינען.

דו בלויע אָוונט־שעה, דו חסד בלויער —
אָ, הייל מיך אויס פון מיין פאַרסמטן טרויער.

און הייל אויך פון געוויין מיין קראַנקע וויע,
כ׳זאָל מאָרגן מיט מיין לידער־טאָרבע קענען ווייטער ציען.

און כ׳זאָל דאָס ביסל חלום אין מיין ליד דערטראָגן,
דורך אַלע פינצטערנישן, צו דער שוועל פון טאָגן.

אַ מאָל איז דאָ

אַ מאָל איז דאָ אַ געבענטשטע מינוט,
ווען ס׳עס דאַכט זיך דיר, אַז די פיין איז גוט —
זי לייטערט די טרער און עפנט דעם בליק
און ס׳עס ווייזט זיך דיר עמעץ פון יאָרן צוריק...
פונעם זייגער קאַפּען טראָפּנס צייט —
דאָס ווייטע ווערט נאָענט, דאָס נאָענטע — ווייט.

אַ מאָל איז דאָ אַ געבענטשטע שעה,
ווען ס׳עס דאַכט זיך דיר: די טרייסט איז דאָ —
אין חשכות, וואָס נידערט און דעקט דיך איין,
באַווייזט זיך אַ שאָטן פון אַ שיין;
אַ לאַנקע שפּרייט זיך אין האַלבן שלאָף,
און דו בלאָנקעסט דאָרט אום ווי אַ מידע שאָף.

אַ מאָל איז דאָ אַ געבענטשטער טאָג,
ווען דער צער פאַרגייט און ס׳עס וועפּט די פּלאָג.
דאָס האַרץ איז דיר דורכגעלעכערט און קראַנק,
נאָר דאָס איז געווען שוין לאַנג, שוין לאַנג;
און דו פילסט, ווי הינטער דיר, צוויי טריט,
גייט עמעץ נאָך און פאַרלאָזט דיך ניט...

איך לעב אַהין צו וועגס

איך לעב אַהין צו וועגס,
וואָס אַהין זענען מיינע טריט געווענדט,
זינט כ׳האָב די איצטיקע וועלט דערקענט.
איך גיי אויך מיטן בליק
אויף צוריק,
וואָס פון דאָרטן קום איך.

צוויי זייגערס גייען
אין מיר,
און פאַרשטייען
איינער דעם צווייטנס פיר.
וואָס האַלט זיי צונויף? אַן אומרו אויף אַ קייט.
איינער גייט אַהין, איינער — אַהער.
וועלכער זייגער גייט פאַרקערט?
ביי וועלכן זענען די ווייזערס איבערגעדרייט?
צוויי געווערקן רודערן און שפּילן —
און איך קום אַלץ נעענטער צו ביידע צילן.

אַז ביידע זייגערס וועלן זיין צום ווייטסטן,
וועלן זיי זיך באַגעגענען,
און בלייבן שטיין —
נישט אין מיטן,
נישט אין מיטן וועגנס,
נאָר ביז דער לעצטער רגע וועלן זיי דערגיין.
דער אומרו מיט דער קייט וועלן פאַלן —
איך וועל ווערן אַ טייל פון אַ זייגער, אַ דריטן —
און נייע טויערן וועלן זיך אפשר פאַר מיר צעפּראַלן...

טיף אין וועלדעלע

טיף אין וועלדעלע גייט אַ וואַסערל,
און זיינע כוואַליעס רינען,
כ׳האָב אָנגעוואוירן אַ טייערן אוצר,
און כ׳קען אים נישט געפינען.

אַלעביימער האָבן צווייגעלעך,
מיינער פאַרמאָגט נאָר קאַרבן.
איך דאַר און איך קוואַר און איך זע מיין סוף,
אַז פאַר דער צייט וועל איך שטאַרבן.

שרייב, מיר כאָטשבע וואו דו ביסט —
דו וועסט מיר דערלייגן יאָרן.
מיט וועלכע באַנען, מיט וועלכער שיף
קען מען צו דיר דערפאָרן?

איך זיץ און איך קוק אויף דיין שיינעם פּיטרעט,
ווי אַ גויע אויף אַן איקאָנע.
איך וואָלט מיך געוואָרפן פון אַ בריק,
ווען איך זאָל נאָר קאָנען.

אַלע ימען האָבן ברעגן

אַלע ימען האָבן ברעגן,
נאָר מיין ים פון טרערן — ניט.
איבער אַלע מיינע וועגן
גייט מיט מיר מיין מזל מיט.

אַלע הימלען האָבן שטערן,
נאָר מיין הימל טרויער — ניין.
אַז אַפילו אין געלעכטער
הער איך אַלץ מיין שטיל געוויין.

ווען סע וועט מיר גרינגער ווערן
אין מיין וויטיק — ווייס איך נישט.
ביז די גוטע שעה וועט קומען,
גיי איך אויס פון מאַטערניש.

אַלע שטערן ווינקען, טרייסטן,
נאָר מיין שטערן ווייסט נישט וואו
מיך צו זוכן און געפינען
און מיר ברענגען טרייסט און רו.

פון דער ווייטנס

פון דער ווייטנס הער איך
קאַפּיטעס פון פערד.
אוי, מיין פינצטער מזל;
מיר איז נישט באַשערט...

מ׳האָט געזאָגט, ער נאַרט מיך —
כ׳האָב זיי אויסגעלאַכט.
איצטער איז מיין לעבן
פינצטער ווי די נאַכט.

פון דער ווייטנס הער איך,
ווי אַ פידל וויינט.
וואָס ר׳האָט מיר געשוואוירן,
האָט ער נישט געמיינט.

הינטער מיינע פּלייצעס
האָט ער גאָר געשפּאָט —
ווי האָט ער נישט מורא
פאַר דער שטראָף פון גאָט?

פון דער ווייטנס הער איך,
ווי סע קלאַפּט די טאַץ —
און מיין האַרץ, מיין ביטערס,
ווערט מיר שיר צעפּלאַצט.

כ׳האָב געמיינט, ר׳איז איידל,
וואָס ער זאָגט, איז גוט —
איצטער זע איך אָפן:
ר׳האָט פאַרצאַפּט מיין בלוט.

פון דער ווייטנס הער איך,
ווי דאָס פלייטל קרעכצט —

אסור, זאָל איך שטאַרבן,
אויב איך ווינטש אים שלעכטס.

המשך פון אַ פאָלקסליד

(זשאַבעס מיט בערן
אָן אויף דרויסן זיצן,
מיט די הויכע שטעקנס,
מיט די לאַנגע שפּיצן.
אַ יינגעלע, וואָס וויינט
און וויל נישט רואיק זיין,
נעמען זיי אים צו
און וואַרפן אין טאָרבע אַריין.)

מאַך זשע צו די אייגעלעך,
וועל איך זיי פאַרטרייבן.
איך וועל ביי דיין וויגעלע
איין אַליין פאַרבלייבן.

איבער וויסטע פעלדער
זאָלן זיי אַוועק,
פאַרשפּאָרן אויף מיין יינגעלע
אָנצואוואַרפן שרעק.

מאָרגן מיטן טאָג צו גלייך —
לאָמיר נאָר דערלעבן,
קומט די באַבע פריוועע
דיר נאָך אַ נאָמען געבן.

כ׳על דיך אויכעט נעמען
צון אַ גוטן ייד —
פון אַלע שלעק און אונטערגענג
זאָלסטו מיר זיין באַהיט.

דריי שאַפּירס

„אין דרויסן בלאָזט אַ ווינט, אַ קאַלטער..."
און „אויפן בוידעם שלאָפט דער דאַך..."
איר מעגט זיך זאָגן: לידער אַלטע.
איך זאָג: די שיינע פון אַ סך.

דאָס ערשטע זינגט פון אונדזער אומה,
פון אונדזער ציון־אידעאַל.
מע פאַלט אַריין אין גוטן אומעט
פון זיין דערהויבענער מאָראַל.

דאָס צווייטע זינגט פון נויט, פון דחקות
ביי איינעם אין דער היים, ביי זיך.
אין שטוב איז ביטער און פאַרנאַכטיק,
נישטאָ קיין פייערפונק אין קיך.

די דיכטערס פון דיביידע לידער,
פון אָט די שיינע לידער צוויי,
האָב איך באַטראַכט פאַר מיינע ברידער —
איך בין דער יינגסטער צווישן זיי.

איך האָב געוואוסט: זיי הייסן שאַפּיר
און אַז מע זינגט זיי צווישן פאָלק...
כ'על אויך אַ ליד צום זינגען שאַפן —
כ'האָב עס פון תמיד אָן געוואָלט...

דאָס פאָלק זאָל מיטן ליד זיך לאָבן,
אַפילו לאָזן װען אַ טרער —
אַזאַ הצלחה וויל איך האָבן —
וואָס דאַרף איך מיר נאָך ווינטשן מער?

פאַר יונגוואַרג

ווען כ׳האָב

ווען כ׳האָב אַצינד אַ קרייד, אַ רויטע,
וואָלט איך געמאָלן אַ שטאָט מיט פּלויטן;
אין מיטן דער שטאָט — אַ רויטע זון,
אַז ס׳ע נעמט אַזש דרייען אין קאָפּ דערפון.

ווען כ׳האָב נאָך דערצו אַ קרייד, אַ גרינע,
וואָלט איך געמאָלן אַ פעלד מיט בינען —
די בינען זוכן בלומען אין גראָז,
און זשומען דערביי, מע ווייסט נישט וואָס.

און ווען כ׳האָב נאָך דערצו אַ קרייד, אַ געלע,
וואָלט איך געמאָלן וואָס איר וואָלט וועלן:
גאָרדינען, למשל, מיט פינטעלעך רויט,
צי געלבלעכע חלות, שבתדיק ברויט.

און ווען כ׳האָב נאָך דערצו אַ קרייד, אַ ברוינע,
וואָלט איך געמאָלן הייזער צום וואוינען,
איעדן איינעם אַ ליכטיק הויז,
אָבער נישט צו קליין און נישט צו גרויס.

און ווען כ׳האָב נאָך דערצו אַ קרייד, אַ בלויע,
וואָלט איך געמאָלן שוואַלבן, וואָס בויען
פון בלאָטע מיט שטרויעלעך אונטער אַ דאַך
אַ נעסט — ווייל דאָס איז די שענסטע זאַך.

און ווען כ׳האָב נאָך דערצו אַ קרייד, אַ שוואַרצע,
וואָלט איך געמאָלן וואָס נישט צום האַרצן:
אויף שטיינער מיט ביינער אַ האַנט מיט אַ זשוק
און — מער וועל איך היינט שוין נישט מאָלן! גענוג!

אַ פערדל

אַ שטריקל איז אַ בייטשל,
אַ שטעקן איז אַ פערד,
און הייב איך אָן צו רייטן —
איז פאַר מיר קליין די ערד.

איך רייט אַדורך די שטיבער —
איך האַלט דאָס פערד ביים צאַם.
די שטיבער זענען לענדער,
דער קאָרידאָר — אַ ים.

אַ שמיצל מיטן בייטשל —
נו, זייט געזונט, איך פאָר.
ווי לאַנג איך וועל מיך זאַמען ?
אַ דריי, פיר, זיבן יאָר.

איך וועל אייך שרייבן בריוולעך
אַיעדע צווייטע וואָך.
נאָר אויב איר זאָגט: ס'איז ווינציק —
וועל איך אייך שרייבן נאָך.

איך וועל אייך ברענגען גרוסן
פון אַלע גוטע־לייט,
וואָס שרייבן נישט קיין בריוולעך
שוין גאָר אַ לאַנגע צייט.

און אויב איר'ט נאָך מיר בענקען,
וועל איך מיך ווייזן פריער:
ביים סוף פון צוויי, דריי וואָכן
זאָל אָפן שטיין די טיר . . .

איך יאָג מיך דורך די שטיבער —
דאָס פערדל מיינס — סע פליט!
כ'בין לאַנג שוין אונטער וועגנס,
און איך בין נאָך נישט מיד.

נאָר אפשר בענקט די מאַמע —
זי ווייסט נישט וואו איך בין.
צוריק אַהיים, מיין פערדל —
און גיכער פונעם ווינט!

אַ צי דאָס פערד ביים ציימל.
אַ בייטשל מיטן שטריק —
גוט־העלף דיר, מאַמע זיסע —
איך בין שוין דאָ צוריק!

קאַטאָוועסלעך

ווי לעבט עס אַ מענטש אָן ביכער?
מיין וואָרט, איך פאַרשטיי עס נישט.
איכ'ל זאָגן דעם מלאך־המוות:
אָן ביכער גיי איך נישט.

וואָס מיינסטו, וועל איך אים זאָגן,
צי בין איך קיין דיכטער נישט?
כ'על נישט קענען קיין טאָג דאָרט פאַרבלייבן,
אויב מע גיט מיר קיין ביכער נישט.

אָט יענער גרויסער כעסן דאָרט —
מסתמא טראַכט ער זיך אַזוי:
סע לוינט נישט בייזערן זיך אויף אַ לייב —
וועל איך בעסער ווערן אין כעס אויף אַ פלוי.

מע גייט דעם ריכטער יקנה"ז
אויף זיבן יאָר פאַרקלאַפּן.
כאַבאַר? געגנבעט? ווייס איך וואָס!
נאָר — ווייל געלאָזט זיך כאַפּן...

לידלעך צו י. באַשעוויסעס מעשהלע
„מזל און שלימזל״

(אַ מתנה י. באַשעוויסן, פאַרשטייט זיך)

1. תם און מזל

(תם:) איך בין דער אָרעמסטער מענטש אויף דער וועלט.
קיין אָרעמערס איז נישט פאַראַנען,
איך ליג אין אָרעמקייט זינט איך געדענק —
און כ׳בין קיין מאָל נישט אויפגעשטאַנען.

פון זינט איך לעב אויף דער זינדיקער וועלט —
נישט געהאַט קיין טאָג קיין גוטן,
נישט געהאַט אַפילו קיין גוטע שעה
און קיין גוטע פּאָר מינוטן.

מיין טאַטע — געווען אַ פּויערל,
און געשטאָרבן פון טשעכאָטע.
ער האָט מיר גאָרנישט איבערגעלאָזט,
נאָר אַ שטיבל פון שטרוי און פון בלאָטע.

דאָס שטיקל ערד, וואָס איך פאַרמאָג,
איז פול מיט שטיינער און ביינער.
פון מיין פאַרקלעמטער אָרעמקייט
זאָל שוין נישט וויסן קיינער.

דאָס שטיקל ערד מיינס דאַרט און קוואַרט,
ווייל איך האָב נישט וואָס צו פאַרזייען.
די היצן עסן מיך זומערצייט,
און ווינטער — פרעסט און שנייען.

מיין מאַמע — געגאַנגען נאָך שוואָמען אין וואַלד ,
האָט אַ ווילדע שלאַנג זי געביסן.
כ׳בין געבליבן עלנט אַזוי ווי אַ שטיין —
ס׳זאָל שוין קיינער אַזוינס נישט וויסן.

וואָלט כאַטש אַ גאַנצער מלבוש געווען,
און אַ קרישקע, דעם הונגער צו שטילן...
נאָר גיי איך איבער די הייזער אַ מאָל —
באַפאַלן מיך הינט און זיי בילן.

איז זיץ איך און דומע אַ גאַנצן טאָג
ביי מיר אין דער פינצטערער כאַטע.
אוי, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך געטאָן,
וואָס איך לייד אַזוי — גאָטעניו, טאַטע.

(מזל:) נו, זיי נישט אַזוי געלייגט ביי זיך.
אַ מענטש טאָר נישט אויפהערן האָפן.
האָסט קיין מאָל נאָכנישט געהערט ווי מע רעדט
פון ניסים, וואָס האָבן געטראָפן?

(תם:) אוי, האָפן אויף ניסים — וואָס קומט אַרויס?
כ'על שוין גאָרנישט איבערמאַכן.
אויף די גאַסן שרייט מען: אָט גייט דער תם —
און מע האַלט אין איין כיכען און לאַכן.

(מזל:) אָבער עפּעס גוטס קען קען פּאַרט געשען —"
(תם:) „אָבער ווען? כ'על נישט אויפהערן פרעגן."
(מזל:) „וואָס דאַרפסטו פרעגן? אַ נס קען געשען
אַ יעדע מינדסטע רגע."

2. דעם קייסערס דינערס

אַ וואָרע מאַכט, דער קייסער פּאַרט
מיט די גרעסטע מיניסטאָרן! —
ס'איז פּלוצעס עפּעס אַזוינס געשען,
אַז מע קען נישט ווייטער פאָרן.

דעם קייסערס קאַרעטע ליגט אויף אַ זייט —
אַ ראָד האָט זיך איבערגעבראָכן,
נאָך דאַנקען גאָט, וואָס דער קייסער אַליין
איז אַ גאַנצער אַרויסגעקראָכן.

אַ קייסער אַזאַ, ווי אונדזערער,
איז אין ערגעץ נישט מער צו געפינען.
צווישן אונדז געטרייע נאַראָנימלעך
איז ער איינער, וואָס האָט אונדז אין זינען.

אַ קייסער אַזאַ, ווי אונדזערער —
מע דאַרף אויספאָרן לענדער און ימען.
ר׳איז געווען אַ חכם אַזוי ווי איצט
אין בויך נאָך ביי זיין מאַמען.

אַ קייסער אַזאַ, ווי אונדזערער —
מע דאַרף טויזנטער מיילן פאָרן.
אַזאַ חכם באַווייזט זיך אויף אונדזער וועלט
אפשר איין מאָל אין הונדערט יאָרן.

3. צוויי שטאָפּעטן און די פויערים

„זאָל ווערן שאַ, זאָל ווערן שטיל!
דער קייסער לאָזט אייך זאָגן:
ער גיט אַוועק אַ גרודע גאָלד —
ווער ס׳פאַרריכט דאָס ראָד פון זיין וואָגן.״

„אוי־וואַ, אוי־וואַ! אַ גרודע גאָלד —
איך וואָלט עס געקענט פאַרניצן,
כ׳זאָל מער נישט דאַרפן אין צרות און לייד
אין מיין פינצטערער כאַטע זיצן.״

„אין קיניגס וואָגן פאַרריכטן אַ ראָד?
כ׳האָב מורא זיך צוצורירן.
דו ווייסט, וואָס סע קען אויף מיין מזל געשען?
כ׳על נאָך מערער איבערפירן...״

„צום צווייטן און צום דריטן מאָל:
אויב איינער פון אייך זאָל קומען
און פאַרריכטן דאָס ראָד, באַקומט ער דערפאַר
אַ גרודע גאָלד מזומן.״

„אר־וואַ, וואַ! אַ גרודע גאָלד —
ס'איז דאָ וואָס צו זען און צו הערן;
נאָר פאַרריכטן אַ ראָד — דאָס קען איך נישט,
כ'האָב עס קיין מאָל נישט געלערנט."

„צום פערטן און צום לעצטן מאָל,
און וויפל מאָל דאַרף מען עס זאָגן?"
תם :) „אָט בין איך דאָ, און איך פאַרריכט
איינס צוויי דאָס ראָד פונעם וואָגן..."

„פאַרריכטן — דו? דו לאַכסט עס נישט?
געדענק, דו שפילסט דיך מיט פייער.
פאַרריכט דאָס ראָד, אַזוי ווי דו זאָגסט,
און אויב נישט — באַצאָלסטו טייער."

(פויערים :) דער תם וועט פאַרריכטן דעם קיניגס אַ ראָד?
פון וואַנען קען ער עס קענען?
ער האָט נישט קיין מורא, אַז טאָמער נישט,
וועט מען בראָטן זיין לייב און ברענען?..."

(שטאַפעטן :) „איז נו, וילך, יונגערמאַן —
ס'איז אַצינד נישט קיין צייט צו טראַכטן.
די שטאָט איז ווייט — און מיר האָבן אַ באַל
נאָך היינט ביי נאַכט, זייגער אַכטן."

4. נסיכה וויל נישט די חתנים

דער טאַטע איז אין כעס אויף מיר,
ער זאָגט, איך מעג מיך שעמען.
שוין זיבן פרינצן אָנגעקוקט,
נאָר איך וויל זיי קיינס נישט נעמען.

דער טאַטע מעג זיך זיין אין כעס,
נאָר פאַר וואָס זאָל איך מיך שעמען ?
אַ פּרינץ, וואָס לאַכט אַ סך און הויך —
אַזעלכן וויל איך נישט נעמען.

דער טאַטע מעג זיך זיין אין כעס,
נאָר פאַר וואָס זאָל איך מיך שעמען ?
אַ פּרינץ, וואָס דליבעט זיך די נאָז,
בין איך נישט משוגע צו נעמען.

דער טאַטע מעג זיך זיין אין כעס,
נאָר פאַר וואָס זאָל איך מיך שעמען ?
אַ פּרינץ, וואָס פּוצט זיך אָן אַ שיעור,
זאָל עמעצער אַנדערש נעמען.

דער טאַטע מעג זיך זיין אין כעס,
נאָר פאַר וואָס זאָל איך מיך שעמען ?
אַ פּרינץ, וואָס רעדט נאָר וועגן זיך —
אַזעלכן וויל איך נישט נעמען.

און איינער אַ פּרינץ, האָט אַ שופר־נאָז,
און קנייטשן אויפן שטערן —
איז זאָל ער זיך גיין געזונטערהייט —
איך וויל זיין נאָמען נישט הערן.

און דעם זעקסטן פּרינץ האָב איך אָפּגעשיקט
אַהין, פון וואַנען ער נעמט זיך —
ער האָט נישט גערעדט קיין איבעריק וואָרט,
נאָר געטענהט אַלץ, אַז ער שעמט זיך.

און דער זיבעטער פּרינץ, וואָס כ׳האָב נעכטן געזען —
ער הייסט גאָר טיפּש — אַ צרה !
איך וויל נישט ווערן אַ טיפּשס ווייב —
און זיך דאַרפן פאַרשעלטן די יאָרן.

5. דער קיניג און נסיכה

„נסיכה מיין טאָכטער, מיין אויג אין קאָפּ,
ביז וואַנען וועסטו קלייבן?
דו וועסט דאָך, חלילה, די שעה זאָל נישט זיין,
אַן אַלטע מויד פאַרבלייבן.

ווייל היינט איז אַ חיות צו קוקן אויף דיר,
דו ביסט שיין ווי אַ רויז צווישן בלומען.
געדענק זשע, די יאָרן, וואָס גייען אַוועק —
ויי וועלן צוריק שוין נישט קומען.

דו ווייסט, וואָס ס'עט זיין דער סוף מיט דיר?
איך האָב עס אַזש מורא צו זאָגן:
נאָך מיין טויט וועסטו ווערן קמצנס ווייב,
און ער וועט די קרוין מיינע טראָגן.

וועסט האָבן ביי אים פאַרקירצטע יאָר,
ער'ט דיר נישט פאַרגינען דעם ביסן."
„דער קמצן, דער גנידע, זאָל זיין מיין מאַן?!
איך וויל דערפון נישט וויסן!"

„איך ווייס, אַז ער טראַכט שוין לאַנג דערפון,
מיין פאַרהיסענער פרעמיער־מיניסטער."
„איך וויל נישט קמצנען פאַר אַ מאַן —
אַ חלום אויף אים, אַ וויסטער!

מיין פאָטער, נעם דיר נישט שטאַרק צום האַרץ
וועסט זען, אַז גאָט וועט מיר שיקן
ביי ציינטס אַ חתן — אי יונג, אי שיין,
אי קלוג — אויף מיך צו באַגליקן."

6. אָנהייב באַל

געפאָרן, געפאָרן פון העט פאַר טאָג —
אַבי מ׳איז אָנגעקומען.
דער קיניג זוכט אַ חתן — אַזוינס,
ווי סע פאַסט פאַר אַ רויז צווישן בלומען.

ווער איז די רויז — ווער ווייסט עס נישט?
דעם קיניגס טאָכטער נסיכה.
פון איר גוטער שיינקייט און איר פאַרשטאַנד
קען מען שרייבן גאַנצענע ביכער.

געפאָרן, געפאָרן פון העט פאַר טאָג,
און דאַנקען גאָט דערפאָרן.
דער קיניג זוכט פאַר זיין טאָכטער אַ מאַן —
שיין, קלוג און יונג אין יאָרן.

נאָך היינט ביי נאַכט וועט געשען דער נס
מיט נסיכהן, אונדזערע פרינצעסין:
זי׳ט ווערן אַ כלה — אָט וועט איר זען,
און מ׳עט אַלע צרות פאַרגעסן.

7. מיניסטאָרן רעדן צווישן זיך

„צי האָט שוין עמעץ אַ מאָל געזען
אַזאַ מין גרויס עשירות?
פון צענדליקער לענדער האָט מען געבראַכט
נאָר גראַפן און פרינצן צו פירן.״

„ווער וויל נישט אַזאַ נסיכהלע ?
ווער וויל נישט אַזאַ פאַרמעגן ?
אי שיינקייט און אי אוצרות גאָלד —
איר דאַרפט שוין גאָרנישט פרעגן.״

„און היינט דער מחותן טאַקע אַליין,
דער קייסער״ — „אוי, שווייג שוין בעסער !
איך ווייס דאָך וואויל, אַז דו וואָלסט געוואָלט
אים דערלאַנגען אין האַרץ מיט אַ מעסער.״

„נאָר איך וואָלט געוואָלט ? און ווער דען נישט ?
מ׳האָט אים פשוט פיינט, און פאַרפאַלן.
און נאָר מע ווינטשט אים אַל דאָס בייז,
און קמצן — מער פון אַלע.״

„ווייל קמצן האָט אַן אויג אויף איר,
אויף אונדזער פרינצעסין נסיכה,
און ער הערט זי נישט אויף צו חנפענען
און אויף אַלע פיר פאַר איר קריכן.״

„דער קיניג האָט זאָ ווינציק פריינד״ —
„און קמצנען ווער קען פאַרטראָגן ?״
„נסיכה קען נישט קוקן אויף אים —
כ׳האָב אַליין זי געהערט אַזוי זאָגן.״

„ווי האָט מען ליב אַ קמצן, אַ גביר,
וואָס האָט ליב אַליין צו פרעסן ?״
„און אונדזער נסיכה ווילט זיך אים ?
ער מעג עס ביי ציינס פאַרגעסן,

ס׳איז נאָך דאָ, ס׳איז נאָך דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט —
ס׳איז נישט הפקר פעטרישקע קנאָבל !
און אַז קמצן וויל וואָס ס׳איז נישט זיינס —
וועט ער כאַפּן איבערן שנאָבל !״

8. נסיכה דערזעט דעם אָפּגעשליסענעם תם

אַך, גרויסער גאָט, ווי שיין ער איז!
ווי קען עס אַ מענטש אַזוי שיין זיין?
איך מוז, איז מוז מיך טרעפן מיט אים —
איך זאָל מער נישט דאַרפן אַליין זיין.

אַך, זע נאָר די אויגענעס, זע נאָר זיין מויל —
הלוואי, איך זאָל אים געפעלן.
געטרייער טאַטע, גיב מיר אים —
וועל איך מער שוין גאָרנישט וועלן.

נאָר ברויט מיט וואַסער אַ לעבן לאַנג —
אַבי נאָר מיט אים אין איינעם.
אוי, גאָט, נעם צו ביי מיר די קרוין,
נאָר אים גיב מיר, נישט קיינעם

מיט אים וואָלט איך וועלן פאַרברענגען מיין וועלט.
ביזן סוף פון מיינע יאָרן,
און בלייבן מיט אים אין אַ שטילער שטוב —
און אין ערגעץ מער שוין נישט פאָרן.

איך קוק אים אָן — באַפאַלט מיך אַ שוויים,
מיר נעמט דער קאָפּ זיך דרייען.
איך וויל נישט קיין פּרינצן, קיין טראָן מיט קיין שמאָן —
מיט אים נאָר לעבן, אין צווייען.

ווען ער רירט מיך אָן מיט אַ פינגער בלויז,
ווען ער נעמט מיך אַרום אין גאַנצן —
וואָלט איך אָפּגעגעבן דעם טראָן מיט דער קרוין
און מיט אַלע קיסרישע גלאַנצן.

מיר דאַכט זיך — אוי! — ער קוקט אויף מיר —
איך ווער ווי איבערגעביטן.
מיר ציטערן אַזש די הענט און די פיס —
כ׳האָב נאָך קיין מאָל אַזוינס נישט געליטן!...

9. אַ מיידל אויפֿן באַל

קען זיין, אַז גאָט וועט נאָך היינט ביי נאַכט
אויף מיר רחמנות האָבן,
איך זיץ אין דער היים, ביים טאַטן אין שטוב,
כמעט אַזוי ווי באַגראָבן.

כ׳בין אַ מיידל, מיט אַלע מיידלעך גלייך
און איך וויל, וואָס אַלע ווילן.
דער טאַטע גייט אום אַ פאַרכמורעטער,
די מאַמע וויינט אין שטילן.

זאָל דער מאַמעס געוויין נישט זיין אומזיסט
און איר שטילע תפילה, אָן ווערטער —
פון אַלע בחורים, וואָס איך זע,
זאָל איינער זיין מיין באַשערטער.

10. ד אָ ק ט ו י ר י ם

„געוואַלד געשריגן — אַ צרה, אַ בראָך
דער קיניג איז נישט אין גאַנצן —
מע זעט נישט אויף אים קיין שמייכעלע,
און מע זעט נישט די אייגעלעך טאַנצן.

„דאָקטוירים פון אַלע עקן וועלט —
נאָר זיי ווייסן נישט וואָס צו זאָגן —
די לונג — די לעבער — דאָס האַרץ — די מילץ —
און אפשר גאָר דער מאָגן.

װע דאַרף אים געבן װערגעמקרױט״ —
„און אפשר לעקסעמפּיזעם״ —
„און איך זאָג: גיט אים ריצנאײל —
איר זעט דאָך קלאָר װאָס ס׳איז אים.״

„נאָר דער קיניג טרײַבט זײ אַװעק פון זיך:
„איך װעל הײסן ביז בלוט אײַך שמײַסן.
אויב איר װײסט נישט װי מע ראַטעװעט מיך —
װעלן אײַך מײַנע הינט צערײַסן.״

„ביז קוים נאָך זיבן טעג און נעכט
האָט מען אױסגעפֿונען אַ מיטל:
זאָל מען ברענגען מילך פון אַ לײבעכע,
אַ האַלבע פלאַש מיט אַ דריטל.

„אוי, מילך פון אַ לײבעכע — װײס איך װאָס!״
„נאָר דער קיניג שרײַט:, „כ׳על אײַך הענגען!״
„און דער תם זאָגט: מילך פון אַ לײבעכע?
אָט גײ איך און אָט ברענג איך.״

„ער טוט זיך אָן דאָס טוליפּל,
און גלײַכט זיך אױס דאָס היטל,
און גײט נאָך מילך פון אַ לײבעכע,
נאָך אַ האַלבער פלאַש מיט אַ דריטל.

„איז זײט מיר אַלע געזונט און שטאַרק —
נישט געזאָרגט, כ׳על קומען אין גיכן.
אַ רחמנות אויף אים, אויפן קיניג? יאָ —
נאָר מער נאָך אויף איר, אויף נסיכהן...״

11. פ י נ אָ ל

אַזוי ווי נסיכה האָט היינט באַגליקט,
זאָלן אַלע מיידלעך באַגליקן,
און דער, וואָס פירט שידוכים צונויף,
זאָל זיי גוטע חתנים שיקן.

די שפּיל איז געענדיקט, גוטע פריינד,
אָ רעוואואַר, און אַ דאַנק, אַ שיינעם.
מיר האָבן אייך, זאָכט זיך, שיין פאַרווייַלט,
און נישט פאַרגעסן קיינעם.

אַדיע, אַדיע, אַ גוטע נאַכט —
און פריידן זאָלן זיך מערן.
און האָבן דער רשע זיין ערלעכן סוף,
און דער תם זאָל געהאָלפן ווערן.

תוכן

איך האָב ליב

זײַטל

איך האָב ליב — 3
צוויי געשטאַלטן: א) דער טאַטע ז״ל — 4
ב) אברהם ק״ץ — 7
אן אײַזעלע — 9
שטיינער ווי לעמער — 11
ביי דער מוטער רחלס קבר — 11
אַ תפילה ביי דער מוטער רחלס קבר — 12
אַ קוויטל אין אַ שפּאַלט פון דער כותל-מערבי — 13
איך לאָז מײַן פאַנטאַזיע צעשרייטן די פליגל — 13
צו גאַסט — 15
צו מיינע יוגנטפריינד — 17
אַ מענטש — 19
זון און פעלד — 19
איך קלאַפּ אָן אין דער טיר פון גן־עדן — 20
מיין לעצטע רגע ערדיש ליכט — 21
דער קוואַל איז געבליבן — 22
וואַרעם ארום האַרץ — 23
טייל מאָל — 24
אויף דער זיכערער ערד פון מיין חלום — 25
אין שטילע פאַרנאַכטן — 27

פאַרקלעמטע פּיין

פאַרקלעמטע פּיין — 28
קוימיקע פענצטערלעך חלום — 29
שוין באַלד אַ לעבן לאַנג — 29
אין צווייטן גילגול — 30
מײַנע פאַרוואָגלטע לידער — 30
איך וואָלט וועלן — 31
דורך מײַן שטיקל פענצטער — 31
אין אַן אָסיענאַכט — 32
אין וואַגאָן — 33
אַריסטאָס לעצטע רייד — 34

זייטל

אילו פינו — 37
אַ סאָלדאַט האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן — 39
איך בין שטום — 40
דור פון טאַלידאַמיד — 41
אויף פוסטע פעלדער — 43
נישט קיין שדים — 48
באַלאַדע פון דאַ אַנומלט — 48
לעבן אַ טייך — 50
איך בין בלינד — 50
אויף די פעלדער בודינעצער — 51
כ׳על אַוועק צון אַ ציגײַנערטע — 52
ווי אַ רידל — 54
זאָג דו, האַר פון דער וועלט — 55

דער גוטער סאַמוראַי

דער גוטער סאַמוראַי — 56
בוקאָווינער לאַנדשאַפט — 57
אַ זון מיט אַ רעגן — 58
ווי אין חלום — 59
מײַן גאָרטן — 60
ווער ביסטו, ווער — 52
אַן אומעטיק ציגעלע — 62
אַ פייגעלעס אַ טרער — 65
די לבנה רוט אויף מײַן קוימען — 66
צו . . . — 67
אַ לבנה־נאַכט — 68
צון אַ ווײַטער קרובה — 69
אין שטיין — 70
חלום — 71
אדם הראשונס לווייה — 72
דימיטרי — 75
איך וואַנדער — 77
איך קום ארויס צו די ווײַטן — 77
פאַרביקע שטיינדעלעך גלאָז — 79

זײטל

אויף אַ װאַלקן	79
װאָס צערעװען די שטערן	81
די אויגן פליען אַװעק	82
איך עפן מיר אַ שטעלכל	83
אַ דיכטער, אַ שמאַטע	84
דר. באַרמאַן בעטיון	86
מיט ריטעם און מיט גראַם	86
איך מיש	87
אײטערפּע	88
בין־השמשות־מאָטיװ	90
אַ בין איז דאָ	91
איך לעב אַ היין צו װעגס	92
טיף אין װעלדעלע	92
אַלע ימען	93
פון דער װײַטנס	94
המשך פון אַ פאַלקסליד	95
דרײַ שאַפּירס	96
פאַר יונגװאַרג: א) װען כ׳האָב	97
ב) אַ פערדל	98
קאַטאַװעסלעך	99

לידער צו „מזל און שלימזל"

1) תם און מזל	100
2) דעם קייסערס דינערס	101
3) צװײ שטאַפּעטן און די פויערים	102
4) נסיכה װיל נישט די חתנים	103
5) דער קייסער און נסיכה	105
6) אָנהייב באַל	106
7) מיניסטאָרן רעדן צװישן זיך	106
8) נסיכה דערזעט דעם אָפּגעשליסענעם תם	108
9) אַ מיידל אויפן באַל	109
10) דאָקטוירים	109
11) פינאַל	111

פונעם אייגענעם מחבר:

•

א סטעזשקע (לידער), מאָנטרעאַל, 1940
איך קום אַהיים (לידער), מאָנטרעאַל, 1963
אויף מײַן פידעלע ליד (לידער), מאָנטרעאַל, 1966
דער שטערן־וואָגן (לידער) מאָנטרעאַל, 1968
רגע דאַכטעניש (לידער), מאָנטרעאַל, 1969
בורא מיני חלומות (לידער), מאָנטרעאַל, 1971

גלאָסאַר

•

אור חדש — אַ נײַ ליכט (פון אַ תפילה: אַ נײַ ליכט זאָלסטו לאָזן לײַכטן איבער ציון).
אייטערפּע — די מוזע פון לירישער פּאָעזיע.
אלוהי נצור — אַ תפילה: גאָט, היט אָפּ מײַן צונג פון רעדן שלעכטס.
אתחלתא — אָנהייב. פון דער גאולה.
בא בימים — אַ זקן.
בעתה אחישנה — איך גאָט וועל דאָס אײַלן אין זײַן צײַט (ישעיה ס׳ כב׳). און די גמרא טײַטשט: ווען די ייִדן זוכה זײַן — וועל איך די גאולה צואײַלן; ווען זיי נישט זוכה זײַן — וועט זי קומען ערשט צו דער באַשטימטער צײַט.
באַרבאַט — דער מאַן פון דער פרוי (רומעניש).
באתרא דליעול ירקא, ליעול בשרא וכוורא — דאָרט וואו סע קומט אַרײַן גרינס — זאָלן [בעסער] אַרײַנקומען פלייש און פיש.
גלות־אדום — גלות רוים, נאָכן צווייטן חורבן.
דמות־דיוקן — אָפּבילד פון אַ געשטאַלט.
דראַגוצאַ — ליבינקע (רומעניש)
ד׳ רועי — גאָט איז מײַן פאַסטעך (תהלים כד׳).

ואַני — אין דער סדרה ויחי: יעקב זאָגט צו יוספן: און איך, אַז איך בין געקומען פון פדן, איז מיר געשטאָרבן רחל אין לאַנד כנען (בראשית מח׳ ז׳).

וואַי דע מינע — ווי איז מיר (רומעניש).

ותערב — אַ תפילה: זאָל זיס זיין פאַר דיר אונדזער געבעט... דער־באַרעמדיקער, ברענג צוריק דיין שכינה קיין ציון...

ושמחת בחגך — און זאָלסט זיך פרייען אין דיין יום־טוב (דברים טז׳ יד׳).

ותחזינה — פון אַ תפילה: און סע זאָלן זען אונדזערע אויגן, ווי דו קערסט זיך אום קיין ציון.

כאַכאַם — שוחט (רומעניש)

לועס — סיפיליס

לאַ רעוועדערע — צו ווידערזען (רומעניש)

מאַמיקאַ — מאַמעניו (רומעניש).

מלונה — אַ וועכטערביידל אין פעלד.

עת לעשות (תהלים קיט׳ קכו׳) — עס איז צייט פאַר גאָט צו טאָן.

ציוני נלהב — הייסער ציוניסט.

ראוה פניך — יעקב האָט געזאָגט יוספן (אין מצרים): איך האָב נישט געדאַכט דיין פנים צו זען (בראשית מח׳ יא׳).